# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn no. 44 - April 1966 - Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/4rw4s6p5

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 44(1)

### Author

Admin, LAYCC

### Publication Date

1966

### Copyright Information

Copyright 1966 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

**44**

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע • ניסן תשכ"ו, אַפּריל 1966

# אינהאַלט


א. ט. : יצחק פרידלאַנד ע"ה — 4
א. ט. : ווילן און האָפן פונעם באַנייטן „חשבון" — 5
מאַטעס : לעצטע ווערטער — 6
יעקב פרידמאַן : צי לעבט נאָך יידיש לשון ? — 7
אלף כץ : אין דער ביינערנער תפיסה — 8
מלכה חפץ טוזמאַן : יוסף באָוושאָווער—צו זיין 50טן יאָרצייט — 9
יצחק באַשעוויס : די נאָדל (דערציילונג) — 15
ל. אָליצקי : צו אַ פאַרשוועסטערטער דיכטערין — 22
" " : טויט פאַרשאָלטענער — 23
רייזל זשיכלינסקי : מיינע זייגערס — 23
אברהם גאָלאָמב : וועגן יידיש אין ישראל — 24
מאַטעס דייטש : יעקב שרייבט אַ בריוו צו דער וועלט — 27
ח. מ. ראָטבלאַט : דער כאַראַקטער פון די יידישע סאָציאַלע געזעצן — 28
ישראל עמיאָט : אַ תפילה ביינצן דריי און פערציק — 34
ישעיהו שפיגל : ביים טויער פון פאַרלאָשענע שטערן (פראַגמענט) — 35
פינטשע בערמאַן : וואו נעמט מען ? — 39
ז. בונין : חכמה און מעשים — 41
ה. לאַנג : לאָס אַנגעלעס—פּאָרטרעט פון „גלות אַמעריקע"? — 41
קאַרל שאַפּיראָ : פון „אדם און חוה"; יידיש: מלכה חפץ טוזמאַן — 45
אליהו טענענהאָלץ : סודות פון רעדאַקציע (אַ סצענע) — 48
לוי גאָלדבערג : איבער יעדן טאָג לעבן — 50
ח. באַרקאַן : אין טיפער נאַכט — 51
סערגעי נוטקעוויטש: יידישע קאָמיוניטי צענטערס אין לאָס אַנגעלעס — 52
לייזער מעלצער : יידיש לעבן אין צפון קאַליפאָרניע — 55
מאָריס זילבערט : דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. — 58
דוד גאָלדמאַן : יום-טוב און וואָך ביים אַרבעטער רינג — 59
באַגריסונגען : — זייטן 54 און 60



# "HESHBON"

*Quarterly Literary Review*

Editor: ELIHU TENENHOLTZ
Associates: MALKA HEIFETZ TUSSMAN
HARRY LANG

**Address**: 6626 Franklin Ave., Apt. 301, Hollywood, Calif. 90028

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

LIBRARY OF
Elihu Tenenholtz
Hollywood, Cal.

רעדאַקטאָר: — — — אליהו טענענהאָלץ
אין באַראַטונג מיט: — מלכה חפץ טוזמאַן
און ה. לאַנג

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור קלוב און שרייבער-קרייז

12טער יאָרגאַנג, נומער 44 • ניסן תשכ"ו, אַפּריל 1966 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

סעקרעטאַר: ז. בונין
געשעפטלעכער פאַרוואַלטער: יוסף וויינמאַן

אַדרעס פון רעדאַקציע: 6626 פרענקלין עוו., אַפּט. 301, האליוואוד 28, קאַליפ.

# יצחק פרידלאַנד ע״ה

דעם 17טן טאָג אין חודש סעפּטעמבער, 1965, האָבן מיר מספּיד געווען אַ פריינט, אַ היגן לאַנג־יאָריקן תושב, יצחק פרידלאַנד, וועלכער איז אַוועק אין דער אייביקייט אריין.

ער איז פון אונדז אַוועק זאַט מיט יאָרן, דריי־און־אַכציק, אָבער ניט זאַט מיט אַרבעט. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ שלל ענערגיע און אַמביציע; ער איז דאָ אין שטאָט דערגאַנגען ביז צו אַ געזעלשאַפטלעכן כוח, מחמת זיין טעטיקייט אין אַ סך געזעלשאַפטן; ער האָט אין זיי כמעט אומעטום פאַרנומען אַן אָנפירנדיקן אָרט. י. פרידלאַנד איז פינף־און־צוואַנציק יאָר געווען פאָרזיצער פון קולטור־קלוב; ער איז געווען די שטוים־קראַפט און באַלד אַ צענדליק יאָר רעדאַקטירט דעם „חשבון״. אַגב, דעם נאָמען „חשבון״ איז דעם דיכטער ה. רויזענבלאַטס, ע״ה. מיט אַ 25 יאָר צוריק האָט דער קולטור־קלוב, צופעליק, לכבוד אַ חנוכת הבית, באַשטימט אַרויסצוגעבן אַ „יאָר־באַריכט״ און באַשטימט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום: רויזענבלאַט, פרידלאַנד און טענענהאָלץ. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן און אַזוי איז פאַרבליבן דער נאָמען „חשבון״.

י. פרידלאַנד האָט זיין פאַרצווייגטע אַרבעט תמיד געטאָן מיט התמדה. ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער: „רוי־ערד״; „פון פאַסיפיק ביז כנרת״; „וואַנדערונגען און נסיונות.״ ער האָט זיך איינגעלעבט און אויסגעלעבט זיך אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; ער איז געווען אייגעגלויבט אין „ממשיך זיין דעם המשך.״

מיר ברענגען דאָ אַ ליד פון יהואָש, וואָס איז געלייענט געוואָרן ביים ארון פון י. פרידלאַנד:

ס'איז דער חן
פון פאַרגיין,
ס'איז דער טויט, וואָס איז שיין...
ס'איז דער גייסט,
וואָס זיך ווייזט
ווען דער קערפּער צעפאַלט...
ס'איז אַ טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פאַרקלונגען...
ס'איז ניט טאָג,
ס'איז ניט נאַכט —
ס'איז ביז אַרויף צו די שטערן
געדרונגען...
ס'איז אַ שלאָף
און די וואַך־זיין צוזאַמען,
ס'איז אַ סוף און אַן אָנהויב פון ווערן—
אַ לעשן פון פלאַמען און אַ צינדן
פון שטערן...
ס'איז אַ ברונעם,
וועלכער האָט זיך צעגאָסן,
ס'איז אַ נשמה,
וועלכע האָט זיך פאַרשלאָסן...

זאָגן מיר דאָ דעם אַלטן יידישן מאמר, לזכרון יצחק פרידלאַנד:
תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

א. ט.

# ווילן און האָפן פונעם באַנייטן „חשבון”

לאָס אַנגעלעס איז געוואָרן פון אַ שטעטל אַ שטאָט; דער יידישער ישוב דאָ, אין קנאַפּע פופציק יאָר, איז געוואקסן פון אַ דרייסיק טויזנט ביז צו איבער זעקס הונדערט טויזנט — כן ירבו.

דער באַנייטער „חשבון” איז נישט קעגן קליינשטעטל, נאָר קעגן קליינשטעטלדיקייט; דער באַנייטער „חשבון” מעקט אוים דאָס נאָכ-שלעפּעניש-וואָרט „נאָך”: — יידיש לעבט נאָך; יידיש רעדט מען נאָך; יידיש לייענט מען נאָך... דער באַנייטער „חשבון” זאָגט: יידיש לעבט! יידיש רעדט מען!! יידיש לייענט מען!!!

דער ווילן און האָפן פונעם באַנייטן „חשבון” איז צונויפצוברענגען אַזוי פיל גייסטיקן כוח וויפיל מעגלעך, פונדאַנען און פון אומעטום און דאָ, אינעם וואַקסנדיקן יידישן ישוב, דאָביים „פּאַסיפיק”, אין לאָס אַנ-געלעס, קאַליפאָרניע, מאַכן מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ יידיש-ליטעראַרישן זשורנאַל (אַ פערטליאַר שריפט, דערווייל), וואָס זאָל זיך פּאַרדינען געלייענט צו ווערן.

אָט-די עטלעכע פשוטע ווערטער ווערן דאָ געזאָגט, נישט חלילה מחמת גאוה, נאָר ווייל מיר ווילן און האָפן אַז אונזער באַנייטער „חשבון” זאָל זיין יידיש-לעבעדיק, ליטעראַריש-גוט און בעסער און נאָך בעסער.

מיר ווילן און האָפן אַז שאַפער פון אונדזער אוצר יידיש וועלן אונדז מיטהעלפן אויפבויען דאָ אַ געשריבענעם „פּאָליש” צום בית-מדרש יידיש; מליצהדיק? ניין, יידישדיק.

מיר ווילן און האָפן אַז איר, יידיש לייענער, וואָס לייענט אָט-די ווערטער, זאָלט נישט אַליין, ביחידות, אָפּלייענען און—„אַ גוטן שבת”... מיר ווילן און האָפן אַז איר וועט צווישן די טאָוולען דאָ געפינען אַ ליכ-טיק ווינקל און איר זאָלט דערפאַר צונויפרופן אַ מנין!...

מיר זיינען נישט גענאַרט, מיר ווייסן אַז אין דעם באַנייטן ערשטן נומער „חשבון” האָבן מיר נישט אַלצדינג ווי מיר ווילן, האָבן מיר זיך אָבער פאַרגאַרטלט אויך מיט האָפן!

א. ט.

# לעצטע ווערטער

(אויסצוג פון אַ בריוו, געשריבן פון מאַטעס דייטש,
צען טעג איידער ער האָט איינגעשוויגן אויף אייביק.
כבוד דיין לעבעדיקן נאָמען, מאַטעס דייטש.
רעדאַקציע)

„די גאַנצע וועלט הענגט אויף אַ האָר פונעם מענטשנס לעבן"
איך ווייס ניט צי דאָס איז אַן אַלטע צי אַ יונגע חכמה. קיין נפקא־מינה. ס'איז דעם אַלטן גאָט ישראל'ס. אַי איז דאָס אַן אַלטער, קלוגער גאָט. ער האָט זיך מצמצם געווען אין כולו הכמה און אַלע חכמים און פּאָעטן דאַרפן צו אים אָנקומען.

איך פיל איצט ווי יונה: קלוגער גאָט, באַפעל מיר ניט צו שרייבן מער קיין לידער.. ס'איז ביי מיר אַ צייט וואָס איך דאַרף זיך פּאַרטיק מאַכן מיט דיר, אַל־מעכטיקער. קיין אל צבאות ביסטו ניט. אפילו קיין איש־מלחמה ניט. פונקט ווי דיין אויסדערוויילט עם ישראל. אין מיין לעצטן טראַכטן איז מיר מגלה געוואָרן אַז אונדזער וועלט איז גרעסער פון זייערער... האַלטן זיי אין איין פירן מלחמות.

(נאָך אַ קורצע באַמערקונג: איך האָב אַנימלסט געלייענט יעקב גלאַט־שטיינס אַ ליד, זאָגט דאָרט דער לעצטער פערז: „איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג"... דאָס איז אַלץ גוט ווען מ'איז נאָך אַזוי יונג קעגן די ווינטעלעך וואָס ווייען פון די „זיבעציקער". דאָס זיינען די זעלבע ווינטעלעך וואָס מיר פלעגן לאַכן פון זיי ווען מיר זיינען געווען באמת יונג... אָבער דאָס איז ניט קיין געלעכטער־פערז. ס'האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו גאָט, אָט צו דעם גאָט וואָס ביי אים ליגט דאָס גאַנצע כל־טוב מיטן גאַנצן עשירות פון דער וועלט און אונדזערע יאָרן וואָס ער ציילט אונדז אויס פון זיין לינקער האַנט... אָט־דאָס איז זיין גאַנצע שוואַכקייט — זיין האָבן פאַרכאַפּט אַלץ און אונדז צוגעוואָרפן די צאַצקעדיקע וועלט...

איז די זאַך די, גאָט, וואָס ביי מיר בלייבסטו דער אַלטער, קלוגער, יידישער גאָט. דו האָסט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן, כאָטש איך, ווי אַ זלידנע פליג, האָב דיר גאָר היפּש דאַקוטשעט. איז לאָמיך אַ קוש טאָן דיין נאָמען פאַר מיין לעצטן שלאָף...

נו, די ליטעראַרישע אייביקייט. — כדאי צו ברענגען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע וואָס אני הקטן האָב געזען אין מיין באַשערטקייט: איך בין פאַרביי־געגאַנגען אַ חסידים־שטיבל. ס'האָט מיך אַ צי־געטאָן און כ'בין אַריין. פיר זקנים האָבן געטאָן אַ וואָרף אויף זיך וואָלענע טליתים און איינגעוויקלטע געבליבן שטיין אַ זיבן־אַכט מינוט. ביי מיר איז דאָס אָבער געווען אַן אייביקייט, און איך האָב געזאָגט צו זיך: דאָס איז די אמתע אייביקייט. די יידישע אייביקייט, וואָס אין איר איז פאַרבאָרגן די יידישע מיסטיק־קבלה, דער דת און דער פאַר'דבק'ע־טער חסידיזם — זיין נגינה און פאָלקלאָר.

אָט מיט דער אייביקייט וועל איך איינשוויגן מיין ווערטערדיק, לעצטיק טראַכטן.

מאַטעס

יעקב פרידמאַן / ישראל

# צי לעבט נאָך יידיש־לשון

צי לעבט נאָך יידיש־לשון? אוודאי לעבט עס, איך האָב אַ סימן:
אַלע שוואַלבן אין מיין גאָרטן, אַלע בינען, אַלע פלאַטערלעך, וואָס זשומען
און אויך די גרויסע זונען־גענדז, וואָס שווימען אין מיין ברונען,
אַלע ענטפערן, בעת איך רוף, אויף יידיש, זייער נאָמען...

אפילו די שטילקייט אין מיין גאָרטן רעדט יידיש, זי וויינט אוים איר הונגער
נאָך די הויכיקסטע און טיפסטע טראָפּן. זי איז אַ בלויע פּיאַנע, וואָס
וואַרט אויף די פינגער
פון מייסטער. פּורפּורנע שוואַלבן פלאַטערן אין ערב־טאָג און אין זייער
פליגל־פּאַכן
טו איך האָרכן די קוואַלנדיקע טראָפּן פון די שמעקנדיקן סטראָפן,
אויפגעצייטיקטע פון פרישע יידיש־ווערטער פול מיט חידוש.
אפילו מיין ציג, אין שטאַל, בעת זי גייט־צו־קינד, מעקעט זי אויף יידיש.

מיין גאָרטן אין איין־שפּראַכיק. אַלע חיות און צמחים זענען גרייט מיט
קאָליר און גרוך,
איך זאָל פאַרבעטן זיי אין מלכות פון מיין שמעקנדיק לידער־בוך.
וואָרהאַפטיק, אַלע וואַרטן זיי איך זאָל רופן און זיי וועלן קומען צו פליען,
צו שווימען . . .

— — — — — — — — — — — — —

צי לעבט נאָך יידיש־לשון ? אוודאי לעבט עס, איך האָב אַ סימן!

---

אַבאָנימענט פאַרן „חשבון“:
$3.00 אַ יאָר

אלף כץ / ניו־יאָרק

# אין דער ביינערנער תפיסה

אין זיין ביינערנעם הויז מיט גרוי־גרינעם דאַך
אַ לעבן שוין וואַנדרעוועט אַ טשערעפּאַך.

ער איז אויסגעוווען וואַסערן טיפע און פלאַכע,
וואוהין ס'האָט גערופן אים אַ טשערעפּאַכע,
וואָס האָט זיך אַ שטילע באַוויזן אַמאָל,
ווען ער איז געזעסן ביים טייכל אין טאָל,
און ס'האָבן פאַרכאַפּט אים די ווילדע קאָלירן,
וואָס האָבן געשטראַלט אויפן שאַרבן אויף אירן,
און ס'האָט זייער גליאיקער פאַרביקער בלענד
אַ בענקשאַפט אויף שטענדיק אין אים אויסגעברענט,
אַ בענקשאַפט צו זינגען און זאָגן — אַ ווילן,
וואָס וויפיל ער טוט ניט, ער קען אים ניט שטילן.

ער איז אויסגעוווען וועלדער, אויף בערג אויך געווען,
און אומעטום האָט ער חידושים געזען,
געווען אויך אין פינצטערע היילן און גריבער,
אויף זאַמדן פון מדבר, אין זומפּן פון פיבער,
געקוקט אויף דער זון, אויפן הימלשן שפּיגל,
געהאַפט ס'וועט דער הימל באַשערן אים פליגל,
און ער וועט זיך געבן אַ ריס און אַרויס
פון ענגן געפאַנג אין זיין ביינערנעם הויז,
אַ פלי טאָן אַ פרייער, מיט חושים מיט וואַכע,
צום פלאַמיקן פייער פון דער טשערעפּאַכע.

נאָר שטיל, מיט די בענקשאַפטן טרויעריק זיסע,
ער חלומט נאָך אַלץ אין דער ביינערנער תפיסה.

מלכה חפץ טוזמאַן / סאַנטאַ מאָניקאַ

# יוסף באָוושאָווער — צו זיין 50־טן יאָרצייט

פופציק יאָר נאָך י. באָוושאָווער, מען טוט אַן עפן זיין בוך „געזאַמלטע שריפטן“, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1911, און מ׳טרעפט זיך אָן אויף אַזעלכע שורות און פערזן:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און כ׳האָב מיטן פעדער געצאַצקעט די גראַמען
מיין לידל זאָל קלינגען האַרמאָניש צוזאַמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָב איך גאַנץ לאַנג געזוכט, זיך געגריבלט,
די הילצערנע ווערטער געהאַקט און געהובלט
ביז — פלוצלינג איך הער אַ גערויש, אַ געפילדער,
אַ שרייען, אַ ליאַרמען אַלץ ווילדער און ווילדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס פאַר אַ ווילדע געשרייען זיינען דאָס געווען, וואָס האָבן צעטרייסלט זיינע ווענט?

וואָס זיצסטו, דו נאַר, פאַרטיפט אין דיין חלום?
דיין לידל איז גאָרנישט, איז הבל הבלים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אונדז ווילסטו אין שורות, אין פערזן פאַרצאַמען,
באַשיינען, פאַרפוצן, פאַרגלעטן מיט גראַמען.
דו נאַר, ניט אונדז וועסטו קענען באַשרייבן,
מעגסטו וואַכן און יאָרן זיך גריבלען און קלייבן.

ווער זענט איר, אָ, זאָגט, איר געהיימע געשפענסטער?
אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אין מיין הויז נעבן פענסטער.
„מיר וועלן דעם נאָמען דיר אונדזערן זאָגן —
מיר זיינען די צרות, מיר זיינען די פּלאָגן.“

אָט־די „צרות“, די „פּלאָגן“ וואָס זיינען אין יענער צייט געווען די שטענדיקע באַגלייטער פון דעם יידישן עמיגראַנט, האָבן דעם דיכטער איבער די פינגער געשלאָגן: „דו נאַר! אונדז וועסטו קענען באַשרייבן? אונדז ווילסטו אין שורות און פערזן פאַרצאַמען — פאַרגלעטן מיט גראַמען?“ דאָ הייבט זיך אָן דער קאָנפליקט וואָס מאַטערט דעם דיכטער זיין גאַנץ שעפעריש לעבן:

עס בענקט דאָס האַרץ נאָך אומבאַקאַנטע וועלטן,
עס שטרעבט צום גליק דער מוח דער געזונטער,
דאָך זייער ציל דערגרייכןביידע זעלטן —
דיי ציט די נויט און די אָרעמקייט אַרונטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי שיין דו ביסט, אַ וועלט פון טויזנט גליקן,
ווי שיין דו ביסט, אַ ערד אין דיין ענטציקן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שאָטן פון ערד פאַרשלייערט מיך.
איך פיל אין זיך די גבורה פון אַ גאָט.

אַז ער איז אַ דיכטער ווייסט ער אויף זיכער. „דיכטונג" האָט אים ווי אַ דונער געטראָפן. וואָס טוט מען מיט איר? ווי אַזוי באַדאַרף אַ דיכטער פילן כדי קענען זאָגן: „איך בין, איך בין"? און אָט רעכנט ער אויס סימנים:ליידנ־שאַפטן, חלומות, האָפנונגען, שרעקן, פאַנטאַזיעס, צילן, שטרעבונגען, בענקונגען, זאָרגן, פריידן, ליידן, באַצויבערונגען, פרעכטיקייטן, קאַמפן, קאָנוואולסיעס, ליבלעכקייטן, אומעטיקייטן, גרויסקייטן, ליכטיקייט פון לאַנדשאַפטן, פון לעבן און טויט, פון קריגן און פרידן, פון ליבע און האַס, ימים און בערג, מענטשן און חיות. און ווייטער: מיר ווערן ווילד, מיר ווילן אַריינשפּרינגען אין ים פון לעבן, אין דער רוישיקער וועלט און זי צווינגען אונדז געבן וואָס מיר דאַרפן. אַמאָל ווילן מיר יענעם אונטערדריקן, אַמאָל ווילן מיר יענעם דינען, אים אַרויס־ווייזן פריינדלעכקייט און ליבע, און אַמאָל באַפאַלט אונדז עפּעס אַ ליידנשאַפט: מיר שמאַכטן נאָך עפּעס אַ זאַך און די גאַנצע געביידע פון אונדזערע פעסטע אידייען און איבערצייגונגען ווערן דערשיטערט און צעטרייסלט.

אַ פּאָעט קען די אַלע סתירות ניט אויסמיידן. זיי זיינען אין אים פונקט ווי זיי זיינען אין דער נאַטור. דער אמתער פּאָעט דערקענט זיי אין זיך און פאַרלייקנט זיי ניט. און אויך פאַרלייקנט ער ניט דעם ביטערן אמת, אַז „אַמאָל ווילן מיר יענעם אונטערדריקן"...

אים ציט צום עסטעטישן ליד. די סביבה איז אָבער ניט גורם דערצו. „אָרעמקייט איז מיאוס" און אין די ענגע שטיבער, די קעלער־שטיבער קלינגט שוין עדעלשטאַטס ליד. אין די שעפּער ביי די מאַשינען מורמלט מען עדעל־שטאַטס ליד. באָוושאָווער כאַפּט עס אויף. ער ראַפינירט עס: ער „גריבלט" און „הובלט", ער „צאַצקעט די גראַמען" זיי זאָלן „קלינגען האַרמאָניש צוזאַמען" און ער קומט נאָך דער צייט און דער סביבה.

צעטראָג, אָ ווינט, אויף דיינע פליגל
די הייסע ווערטער פון מיין פען
וואָס זיינען שוואַרץ ווי זשאַר פון אויבן
דאָך אונטן קען מען פייער זען.

מיט די „הייסע ווערטער פון זיין פען" האָט באָוושאָווער צינזן געצאָלט דער „פאַרשקלאַפטער אַרבעטערשאַפט. אים ציט צו שיינקייט און ער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דער מיאוסער אָרעמשאַפט. אין ליד „אַמאָר און די פרייהייט" לייענען מיר אַזעלכע שורות:

זעט! דורך דער לופט שוועבט אַ רייטער,
אַ קינד מיט געשלאָסענע אויגן,
אַ יינגלינג מיט פייל און מיט בויגן —
ער יאָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פליט, מיינע פיילן פון ליבע,
אויף אייביק ניט ווידער צו קערן.
דאָך האַלט! פון דער ערד לאָזט זיך הערן
אַ שטימע אַ טרויעריק טחיבע.

אָט־די טרויעריקע שטימע פּאַראומערט אים דאָס לעבן, האַקט אים אונטער די פליגל און ער ווערט זיך:

זיי קלינגען מיר פרעמד יענע אַרבעטער לידער
וואָס איך האָב געזונגען.

און דאָ כאַפּט ער זיך אַז ער איז אַוועק אַביסל צו ווייט און ער ענדיקט:

און וועל זינגען ווידער...

ער איז אפשר גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין אַרבעטער ריכטער. ער האָט זיך אַליין ניט אידענטיפיצירט מיט דעם קלאַס וואָס איז געווען די סביבה אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. אין איין קליינעם פּערז מאָלט ער אָפּ דעם אַרבעטער אַזוי: אָן שכל, אָן וויסן, אָן גייסט און אָן מוח, אָן פרישקייט, אָן זאַפט, אָן לעבן, אָן כוח, פאַרדאַרט און פאַרטריקנט, צעדריקט און פאַרוויאַנעט, דער־שלאָגן, פאַרוואונדעט, צעבלוטיקט, צעראַניעט, גענאַרט און באַטראָגן, פאַרדומט און פאַרבלענדט, פאַרשפּאָט און דערנידערט, פאַרשטויסן, געשענדט, באַרויבט און באַגזלט, געפּליקט און געשונדן" — און ער שרייט אויס אין פאַרצווייפלונג:

איך וועל מיינע אויגן פון עלנט פאַרשליסן
און מער פון קיין אָרעמקייט און דחקות ניט וויסן.
עס רופן מיך שטימען פון שענערע וועלטן,
וואו גראָבקייט או אָרעמקייט זעען זיך זעלטן.

אַזאַ מבול פון ביטערע ווערטער קען מען ניט אין איין אָטעם אַרויספלאַקערן אָן שוים אויף די ליפּן. און דער שוים אויפן דיכטערס ליפּן איז זיין לעבן און איז זיין טויט.... .. די וועלט — די מענטשן־וועלט ווערט אים ענג, אַנטלויפט ער צו דער נאַטור:

ווען כ'האָב פאַרצווייפלט אין דער גרויסער וועלט
האָב איך אַ טרייסט געזוכט אין דער נאַטור—
איר יונגע שיינקייט אין דער פרילינג־צייט,
איר זיסער טרויער אין דער צייט פון האַרבסט.

ס'אַראַ שיינקייט ס'איז פאַראַן אין דער נאַטור! אָבער דאָס „ניט־שיינע" דער קלאָגעדיקער מצב פון זיין וועלטל איז אים נאָכגעלאָפן ווי אַ בייזער חלום, אים אָנגעכאַפּט ביי די צעפלאַטערטע, פאַטעטישע פאָלעס, געכאַפּט ביים האַלדז, דעמאָלט קלאַמערט ער זיך איין אין ליד און שרייט אויס צו דער „מוזע":

געליבטע! איך קני אויף דער ערד פאַר דיר אַנידער
און שמאַכטענדיק קוש איך דעם זוים פון דיין קלייד.
הייב אויף דיינע בליקן די גאָלדענע ווידער
און הער צו מיין תפילה. אַ הער וואָס איך רייד!

וואָס רעדט דער דיכטער צו דער מוזע ? וואָס זאָגט ער איר צו ? ער דאַרף דאָך מיט עפּעס איר אָפּדאַנקען פֿאַר דעם וואָס זי איז געוואָרן זיין געליבטע. ניט פֿאַר אומזיסט איז דאָך איינער אַ דיכטער. וועלכע אַחריותן זיינען אויף אים — דעם אויסדערוויילטן אַרויפגעלייגט געוואָרן? ער ווייסט געווי און ער פֿאַרענט־פֿערט זיך, ער קויפט זיך אויס מיט אַזעלכע רייד:

אָ מוזע, דורך דיר, נאָר דורך דיר קען איך וועקן
די ליידנדע ברידער וואָס יאָמערן שטיל,
וואָס לעבן אין עלנט, אין אייביקע שרעקן
דורך די וועלכע האָבן קיין מענטשן-געפיל.

— אַט דאַכט זיך אים אַז אַלץ איז קלאָר, איינגעשטעלט. די „אידייען“ שטייען דייטלעך פֿאַרן גייסטיקן אויג. זיין גאַנצער „איך“ איז אין „האַרמאָניע“. אים האָט זיך אָפּט אויסגעוויזן, אַז ער האַלט דעם גייסטיקן שליסל צו די טיפסטע סודות און צו זיינע „געדאַנקען און געפילן“ און מיט אַט־דעם שליסל קען ער דעם זייגער איבערדרייען ווי ער וויל... „ווי עס שטראָמט מיר פון די הענט אַ קוואַל פון שאַפונגס־לוסט!“ — זעען מיר דעם דיכטער ביים פענסטער אַ פֿאַר־חידושטן, אַ פֿאַרכישופֿטן פון זיין „שאַפונגס־לוסט“ און פון דעם גאָט-באַשאַ־פֿענעם דרויסן: „אין דרויסן זינגען די פייגל אָן אויפהער. ס׳וויגן זיך די צווייגן. שטיל רוישן די בלעטער. דאָס ליכט פון דער זון גנבעט זיך אַריין דורך זיי און מאָלט אַלערליי פיגורן אויפן שאָטנדיקן גראָז. די הייזער אַרום זיינען איינגע־שלאָפן. די לאָדנס פֿאַרמאַכט. נאָר וואו ניט וואו איז אַ פענסטער אָפֿן. די הויכע שטענגלעך און בלעטער רינגלען אַרום די ברוינהערציקע זונבלומען אין גערטל וואָס הענגען אַרונטער ווי פֿאַרחלומט. אומעטום זשושעט שטיל. אַן אנגענעם רוישן פון טאָג, פון באַוועגונגען פונעם מענטש, דאָס קלאַפן און רוישן פון אַ וואָגן. דער אָפּקלאַנג פון אַ טראָט. — און —

וואָס איז דאָס וואָס לאָזט מיך ניט רוען אין אָט דער איינזאַמקייט!

און ווידער אַ צעריסנקייט פון דער נשמה. ער איז איינזאַם. ער איז עלנט ווי נאָר אַ דיכטער קען זיין. ער פילט אין זיך אַ נייטיקייט, אַ מוז צו שאַפֿן. אַזוי פיל קאַלירן ! אַזוי פיל שימערירנדיקע פעדים גלימערן פֿאַרביי אים און ער ווייסט ניט וואָס פריער אָנצוכאַפּן... וואָס איז ער? וועלכע פונקציע באַדאַרף ער אויספילן? אַ שטים רעדט צו אים. עפּעס ווערט אים אָנגעזאָגט. עפּעס ווערט אים פֿאַרזאָגט. ער ווייסט ניט פון וואַנען די שטים קומט און וואָס ס׳וויל פון אים. וואָס פֿאַר אַן אויפברויז אין מוח! וואָס איז אַ פּאָעט? וואו אין דער וועלט איז זיין אָרט? וואָס זיינען די אָנגעלאָפֿענע געפילן? וואָס פלאָנטערט דער געדאַנק? ער מוז ריידן! ער האָט די שפּראַך „פון דער נשמה“ און קען די ווערטער געפינען.

גייסט פון שאַפונג, איך באַשווער דיך איצט
דאָ שטייענדיק אַליין אין אָט־דער נאַכט,
זאָג מיר וואו זאָל איך דיך געפינען, וואו ?

וואָס פאַרט וויל פון אים דער גייסט פון שאַפונג? דער גייסט האָט זיך באַזעצט אין אים און באַפעלט מיט שאַטנדיקע אַנדייטונגען אָבער ניט מיט קיין קלאָרע רייד. די פּאָעזיע, זאָגט ער, איז די זינגענדיקע געשיכטע פון די צייטן. „עס קלינגט אומעטום וועקנדיק, לאַסטשענדיק, קושנדיק, לאַכנדיק. עס נעמט אונדז אַרויף אויף די שפּיצן פון אייביקן באַרג אָלימפּוס, וואו די גריכישע געטער ריידן צוזאַמען אין די גרויסע גאָלדיק־פינקלדיקע זאַלן טרינקענדיק וויין. זיי שפּילן זיך מיט דעם דונער און בליץ־שטראַל. זיי שפּילן אין ליבע — אין אייביקער געטלעכער ליבע שפּילן די ראָזיקע, זוניקע געטער און לאַכן און שוועבן אַרום פון לאַנד צו לאַנד וואו עס וואוינען די דינענדיקע פעלקער."

ס'אַראַ מנוחה דאָ איז! אָט דאָס איז זיין וועלט. אָבער פּונקט איצט טוט אים אַ צי פאַרן פאָלע דער „פאַרשקלאַפטער אַרבעטער". אָ יאָ: ער איז אים עפּעס שולדיק. ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דער שולד? מע דאַרף וואָס גיכער ברענגען די רעוואָלוציע! מע דאַרף זי אַ שטופּ טאָן. טאַקע באַלד זאָל זי קומען און באַפרייען די וועלט. טאַקע באַלד. נאָכדעם וועט ער קענען פירן זיין ליד ווי אַ געליבטע אין די שיינע, הימלשע גערטנער, אויף די „הערלעכע בערג", אונטער לויטערע הימלען. אָבער דערווייל האָט ער דערצו קיין רעכט ניט... זיין אומגעדולד צערייסט אים. לאָזט אים ניט אָפּרוען. און כאָטש באַוואוסטער איז ערגעץ אין דער טיף אינזיך רעליגיעז (מיר געפינען אים ניט איינמאָל אַ קניענדיקן פאַר עפּעס אָן „עפּעס") דאָך שרייט ער אויס צום אַרבעטער: „דערוואַך און ברענג זיך אַליין די גאולה. פאַרלאָז זיך ניט אויף מענטשלעכער גערעכטיקייט און אויך ניט אויף גאָט."

---

נישטאָ קיין גן־עדן, קיין גיהנום נישטאָ,
קיין גאָט איז נישטאָ, קיין טייוול!
און ציסט דורך דעם גאַנצן וועלט־רוים
פון אים, דיין גאָט, געפינסטו ניט קיין שפּור.
דער „גאָרנישט" האָט קיין פּלאַץ אין דער נאַטור
און ער, דיין „אַלעס", איז אַ פוסטער טרוים...

באַוואוסטערס וועלט איז די „איסט־סייד". זיין לשון איז אַ פאַרדייטשטער יידיש, און ער איז אין אַמעריקע... איז ניו־יאָרק דען אַמעריקע? און די „איסט־סייד" איז דאָך אפילו ניט ניו־יאָרק! ער מוז אַרויס פון די ענגע ווענט און דערקענען די וועלט־פּאָעזיע! — דאָרט, ביי זיי, איז אַ דיכטער אוודאי אַ האַלבער גאָט... אָט קילט ער זיך דעם צעהיצטן שטערן מיטן קליין „רו" לידל פון געטע: „וואַרט נאָר / באַלד רוסטו אויך." אָט קוויקט ער זיך מיט דער „זיסקייט" פון היינריך היינעס פערזן, כאָטש היינע איז אַביסל צו שוואַך פאַר אים. „אין היינען בליען און דופטן בלומען, שלאָגן אַרויס בליצן, געוויטערן ציען פאַרביי און רוישן אַוועק, אָבער ווען מען וויל זיך אָנהאַלטן פילט מען באַלד עפּעס אַ שוואַכקייט. ער לאָזט זיך אָפּ, גליטשט זיך אַראָפּ און מען שווימט אַרום צווישן חלומות און פאָטערלאַנד־ליבע... אין געטע זעט מען אויך שיינע גערטנער, פרישע אויסגעלייגטע בלומען־בייטן, אָבער מען פילט די שטיינדלעך פון די סטעזשקעס אונטער די פיס אַזוי אַנגענעם און פעסט, מען טאַפּט אָן די פעסטע, שיין געהאַקטע מאַר־

מאָר פלאַטן און באַלקנס און דאָס גאַנצע איז עפּעס אַזוי געזונט, פריש, צאַרט, דייטלעך, קלאָר און דויערהאַפט.״

ווי שטאַרק באָוושאָווער באַוואונדערט שטאַרקייט און געזונטקייט! דער מענטש וואָס האָט אַוודאי אין זיך דערפילט דעם אָנקומענדיקן איבערברוך איז געשטאַנען אַ פאַרכאַפּטער, מיט אָנגעצויגענע נערוון ביז פּלאַצן, ביי דער גאַנצקייט און געזונטקייט פון דעם אַמעריקאַנעם פּאָעט וואָלט וויטמאַן. מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט און אפשר אויך קנאה באָוושאָווער רעדט וועגן אים!

„וואָלט וויטמאַן שרייבט זיין פּאָעזיע אין דעם סטיל און זייער אָפט אין דעם טאָן פון דער ביבל. ער זינגט ווי די אַמאָליקע נביאים האָבן געזונגען: מיט באַגייסטערונג און מיט טיפן גלויבן אין דער וועלט און אין דער גאָטהייט. ער האָט פאַרוואָרפן די אַלטע פאָרמען פון פּאָעזיע — די פּערזן מיט די גראַמען און האָט אויסגעקליבן זיין אייגענעם סטיל. ער שטייט פאַר אונדז אין אַ שטראָם ליכט — אַ גרויסע, ליכטיקע, פּראָפּעטישע פּערזאָן — אַ מין בודהאַ אָדער משה רבינו פון פרייען דענקען און אייביקער ליבע. און די פעלקער וועלן אייביק עולה־רגל־זיין צו אים ווי צו אַ הייליקייט. און באָוושאָווער האָט אויך געפּראוווט „פאַרוואַרפן פאָרמען״ און שרייבן לידער אָן גראַמען; ווי אַ מוסטער איז דאָ איינס פון זיינע נאַטור־לידער:

ווען איך האָב פאַרצווייפלט אין דער גרויסער וועלט
האָב איך אַ טרייסט געזוכט אין דער נאַטור:
איר יונגע שיינקייט אין דער פרילינג־צייט;
איר זיסן טרויער אין דער צייט פון האַרבסט;
איר שטילן עלטער אין דער ווינטער־צייט.
די האָבן מיך באַרואיקט און געשטאַרקט,
מיין ברוסט אָנגעפילט מיט פרישער ענערגיע,
מיט יוגנטלעכער קראַפט און לעבנס־מוט.

אָבער נאָך אָט־דער קורצער באַרואיקונג און טרייסט וואָס ער האָט פון צייט צו צייטגעפונעןביידערנאַטור איז אַלע מאָל געקומען די פאַרצווייפלונג און דאָס אויסגעשריי: „וואָס איז דאָס וואָס לאָזט מיך ניט רוען אין אָט דער איינזאַמקייט!״

איינזאַם, ווייל זיין „שאַפונגס־לוסט״ האָט אים וועקסענע פליגל געגעבן... אמת: וואָלט וויטמאַן, דער פרייער באָהעם מיטן צעכראַסטעטן האַלדז און גרויסן אין־ווינט־צעשויבערטן קאָפּ האָט געזונגען „אַמעריקע״, „אָדמס קינדער״, ווייל זיינס איז אַמעריקע, סיי שטאָט, סיי וואַלד און סיי פּריירי, און זיינע זיינען אדמ׳ס קינדער. ער האָט ליב גאָט׳ס וועלט און אַלעמען אָן אויסנאַם נעמט ער אַרום. וויטמאַן האָט אַזוי זיך אַליין געפונען, האָט ער ממילא שוין אויך זיין אייגענעם סטיל געפונען.

באָוושאָווער איז געווען צעבראָכן פון אינעווייניק און צעריסן מיט זיין באַשערטער וועלט. ער האָט פיבערדיק געזוכט „אויסערזיך״, זיך געצויגן אַריבער זיין סביבה און אַזעלכער איז ער אונדז פרי און יונג פאַרשניטן געוואָרן איידער ער האָט באַוויזן אויסצוזינגען און אויסצושפּילן זיינע דיכטערישע מעגלעכקייטן ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ הייכן.

**יצחק באַשעוויס** / ניו־יאָרק

# די נאָדל

(דערציילונג)

מיינע גוטע מענטשן, היינט פירט־אויס אַלע שידוכים ליבעלע די שדכנטע. מ׳פאַרליבט און מ׳הויבט זיך אָן אַרומפירן. מ׳פירט זיך אַזוי לאַנג אַרום ביז מ׳קריגט זיך פיינט. אין מיינע צייטן האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף טאַטע־מאַמע. איך אַליין האָב נישט געזען מיין טאָדיע׳ן ביז צום באַדעקנס. מ׳האָט מיר אַראָפּ־גענומען דעם שלייער פון פּנים און כ׳האָב אים דערזען מיט דער רויטער באָרד און די צעשויבערטע פּאות. ס׳איז געווען נאָך שבועות און ער האָט געטראָגן אַ פוטער ווי אין ווינטער. אַז כ׳האָב נישט אַוועקגעחלש׳ט, איז נסים פון הימל. כ׳האָב געהאַט אָפּגעפאַסט אַ לאַנגן זומער־טאָג. נו, ווער מיר גוטס גינט, זאָל נישט האָבן קיין ערגער לעבן ווי איך האָב געהאַט מיט מיין מאַן. אַ מליץ־יושר זאָל ער זיין. מ׳טאָר עס אפשר נישט זאָגן, נאָר כ׳קאָן מיך קוים דערוואַרטן ווען מיר וועלן ווייטער זיין באַנאַנד.

יאָ, ליבע־שמיבע. וואָס ווייסט אַ יונג מיידל אָדער אַ יונג בחורל וואָס ס׳איז גוט פאַר זיי? מאַמעס האָבן געהאַט זייערע סימנים. ס׳איז געווען ביי אונדז אין קראַסנאָסטאַוו אַ יידענע, רייצע לאה, און ווען זי האָט געוואָלט אָנקוקן פאַר איר זון אַ כלה, פלעגט זי אַריינפאַלן צו די מחותנים באַלד אינדערפרי. אַז ס׳בעטגעוואַנט איז געווען קויטיק און די מויד איז איר אַקעגנגעקומען מיט צעקאָדלטע האָר און אַ צעריסענעם שלאָפראָק, האָט זי שוין פאַרשפּאָרט מיט איר צו רעדן. נאָך אַ צייט האָט מען זיך דערוואוסט פון אירע שטיק אין אַלע שטעט־לעך אַרום און אַז מ׳האָט זי דערזען גאַנץ פרי אין מאַרק, זענען אַלע מוידן געלאָפן פאַרקייטלען די טיר. זי האָט געהאַט זעקס זין און אַלע גערעטענע. שידוכים האָט זי גראד געטאָן מיט זיי קרומע, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך. אַ מיידל קאָן זיין ביז דער חתונה ריין און זויבער און שפּעטער ווערט זי אַ שליאָך. אַלץ הענגט אָפּ אין מזל.

אָבער לאָמיר איך בעסער דערציילן אַ מעשה. אין הרוביעשויוו איז געווען אַ גביר, ר׳ לעמל וואַגמייסטער. יענע יאָרן האָט מען קיינעם נישט גערופן מיט׳ן צונאָמען, אָבער דער ר׳ לעמל איז געווען אַזאַ מאַגנאַט, אַז מ׳האָט אים גערופן ביים ביינאָמען. דאָס ווייב זיינס האָט געהייסן אסתר רויזע און געשטאַמט האָט זי גאָר פון גרויס־פּוילן. זי שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ שיין מענטש מיט אַ גרויס־שטאָטישן געשטעל. איבער׳ן שייטל האָט אַלע מאָל געהאַנגען אַ שוואַר־צער שאַל. דאָס פּנים איז געווען ווייס און גלאַט ווי ביי אַ מיידל. אויגן האָט זי גראד געהאַט טונקעלע. גוט גערעדט פּויליש, רוסיש, דייטש, אפשר פראַנצויזיש אויך. זי׳ט אין יענע צייטן געשפּילט פּיאַנאָ. אין די גרויסע בלאָטעס איז זי אַרויס פון שטוב מיט אָפּגעפּוצטע לעטשלעך און הויכע קנאַפּלען. כ׳האָב זי אַמאָל געזען היפּערן פון שטיין צו שטיין ווי עפּעס אַ פויגל און מיטביידע הענט האָט זי אונטערגעהויבן די פּאָלעס — אַ וואָרע פּריצה. געהאַט האָבן זיי איין זון, אַ בן־יחיד, בן־ציון, און דער בן־ציון איז געווען אַריינגעראָטן אין דער מאַמען

ווי צווייַ טראָפּנס וואַסער. מיר זענען געווען ווייטע קרובים, נישט פון איר צד, נאָר פון מאַנ׳ס צד. דער בן־ציון — בענצע האָבן זיי אים גערופן — איז געווען, ווי מ׳זאָגט, צו גאָט און צו לייט: שיין, קלוג, געלערנט. ביי־טאָג האָט ער גע־לערנט תורה ביים רבֿ. בייַנאַכט איז געקומען צו אים אַ לערער. ער האָט געהאַט שוואַרצע האָר, ווי די מאַמע, און אַ ליכטיק פּנים. אַז ער איז אַרויס זומער אין דעם געהאַקטן קאַפּאָטקעלע מיט אַ שליץ פון הינטן, מיט די געמזענע שטיוועלעך, האָבן אַלע מיידלעך אים נאָכגעקוקט פון די פענסטער.

ס׳פירט זיך אַז נדן גיט מען טעכטער, נישט זין, נאָר פאַר דעם בענצען האָט מען געהאַט אָוועקגעלייגט אין באַנק צען טויזנט רובל נדן. ס׳איז דען אַ נפקא מינה? איבער הונדערט יאָר האָט ס׳גאַנצע פאַרמעגן געזאָלט זיין זיינס. מ׳האָט אים גערעדט שידוכים מיט די רייכסטע טעכטער, אָבער די אסתר רויזע איז געווען אַן איבערקלייבערין. זי׳ט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, זי׳ט געהאַלטן דריי דינסטן; ס׳איז דאָרט געווען אַ משרת און אַ סטאַנגרעט אויך, און זי איז אַרומגעלאָפן אַנקוקן כלה׳ס. זי׳ט שוין געהאַט אָנגעקוקט די שענסטע מיידלעך פון האַלב פּוילן, נאָר אין יעדער האָט זי געפונען עפּעס אַ חסרון: די איז נישט שיין גענוג, יענע איז נישט קלוג גענוג. דער עיקר האָט זי געזוכט איידלקייט, ווייל, זאָגט זי, אַז אַ נקבה איז אַ גראָבער פליגל, ווערט דער מאַן אויסגעריסן. כ׳וויל נישט, זאָגט זי, עמיץ זאָל אויסלאָזן די יוכע צו מיין בענצען. איך בין שוין דאַמאָלס געווען אַ ווייבל, כ׳האָב חתונה געהאַט צו פופצן יאָר. די אסתר רויזע האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו חבֿרן אין הרוביעשויוו, און כ׳בין געוואָרן ביי איר אַן אַריינגייערין. זי׳ט מיך געלערנט העפטן, שטריקן, אויס־נייען אויף קאַנווע און וואָס נישט? זי׳ט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט. אַז ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט, האָט זי זיך אַליין אויפגעניייט אַ יופּע אָדער אַ פּעלע־רינע. זי׳ט מיר אַמאָל אויך געמאַכט אַ קלייד, און אַלץ מיט אַ גלייכווערטל און אַ געלעכטערל אויפ׳ן גבֿירישן שטייגער. זי איז געווען אַ פייערדיקע סוחרטע אויך. דער מאַן האָט נישט געטאָן קיין טריט איידער ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי איר. אַז זי׳ט געהייסן קויפן אַ נחלה אָדער פאַרקויפן, האָט ר׳ לעמל וואַג־מייסטער גלייך געשיקט רופן דיפּע מעקלער און געזאָגט: מיין ווייב וויל פאַר־קויפן אָדער קויפן. זי׳ט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות.

נו, אָבער דער בענצע איז שוין אַלט געווען אַכצן יאָר און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין חתן. יענע יאָרן האָט דאָס געהייסן אַן אַלטער בחור. ר׳ לעמל האָט אָנגעהויבן טענהן, אַז ער האָט צוליב זיין ווייב׳ס איבערקלייבערישקייט חרפּות און בושות. דער בענצע האָט געקראָגן קרעצלעך אויפ׳ן שטערן און מ׳האָט געזאָגט אַז ס׳איז פון דאַרפן אַ נקבה. יצר־הרע־בלעטערלעך — אַזוי האָט מען דאָס גערופן ביי אונדז.

איינמאָל קום איך אַריין צו דער אסתר רויזען — כ׳האָב איר געבראַכט עפּעס אַ קנויל גאָרן — און זי זאָגט צו מיר: זעלדעלע, ווילסט דיך אפשר איבער־פאַרן קאַ׳ זאַמאָשטש? — וואָס וועל איך טאָן אין זאַמאָשטש? — פרעג איך, און זי זאָגט: וואָס איז דייַן באָבע׳ס עסק? פאָרסט מיט מיט מיר. וועסט דאָרט פאַרהונגערט נישט ווערן. אסתר רויזע האָט געהאַט איר קאָטש, אָבער זי זאָגט

מיר, אַז דאָס מאָל פאָרט זי מיט אַ געלעגנהייט. כ'האָב פאַרשטאַנען אַז ס'האָט עפּעס צו טאָן מיט אַ שידוך, נאָר אַזאַ טבע האָט זי געהאַט, אַז מ'האָט איר נישט געטאָרט פרעגן. אויב זי'ט האָט געוואָלט עפּעס דערציילן, האָט זי אַליין דער־ציילט, און אויב זי שווייגט, מוז מען מיטשווייגן. קורץ־און־גוט, כ'בין אַוועק אָנזאָגן דער מאַמען. מייך טאַדיען האָב איך גאָרנישט געדאַרפט דערציילן. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן אין בית־המדרש. ווען ער איז געקומען אַהיים נאָך מעריב, האָט אים מיין מאַמע, די שוויגער, דערלאַנגט ס'נאַכטמאָל. יענע יאָרן האָט דען אַ יונגערמאַן אויף קעסט געוואוסט אַ ר'האָט אַ ווייב? ער וואָלט מיך אָסור נישט דערקענט ווען ער טרעפט מיך אין גאַס. בקיצור, כ'פּאַק איין אַ קלייד, פּרעמיסיאָן, אַ פּאָר מייטקעס און כ'בין גרייט צו דער נסיעה. מיר זיצן איין אין עפּעס אַ פּריצישער בריטשקע און דער אָנטרייבער איז דער פּריץ אַליין. צוויי פערד ווי די לייבן. דער וועג איז אַ טרוקענער און גלאַטיק ווי אַ טיש. אין זאַמאָשטש לאָזט מען אונדז אַראָפּ נישט אין מאַרק, נאָר אין עפּעס אַ זייטיק געסל, וואו ס'וואוינען גויים. די אסתר רויזע זאָגט אים אַ שיינעם דאַנק און ער פּאָכעט צו איר וואוילעריש מיט דער בייטש און נעמט אַראָפּ ס'היטל. די גאַנצע זאַך האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַן אָפּגעשמועסט שטיקל.

געוויינלעך אַז אסתר רויזע איז ערגעץ געפאָרן, האָט זי זיך אויסגעפּוצט ווי אַ גראַפיניע. אָבער דאָס מאָל איז זי אָנגעטאָן אין אַ קאָרטן קלייד און מיט אַ קאָפּטיכל איבער'ן שייטל. זי'ט, אַפּנים, נישט געוואָלט מ'זאָל זי דערקענען. ס'איז זומער און דער טאָג איז לאַנג. מיר קומען אַרויס אויפן מאַרק און זי פרעגט ביי עמיצן: וואו איז דאָ בעריש לובלינער'ס געשעפט פון צעלניק? מ'ווייזט אונדז אָן אַ גרויס געוועלב. היינט אין אַ געוועלב פון צעלניק קריגט מען בלויז די סחורות וואָס געהערן צו צעלניק. יענע יאָרן האָט מען אויסגע־מישט די סחורות. מ'האָט דאָרט אַלץ געקראָגן: פּאָדים, לייוונט, צודאַטן, אַלערליי וואָלן צום שטריקן און גלאַט שניט-סחורה. וואָס איז דאָרט נישט געווען? אַ געוועלב אַ וואַלד און פּאַכן ביז צום באַלקן אָנגעשטאָפּט. ביי אַ שטענדערל זיצט אַ מאַנסביל און שרייבט אין אַ בוך ווי אין די גרויסע שטעט. כ'ווייס אַליין נישט וואָס ער איז: אַ קאַסירער אָדער אַ בוכהאַלטער. הינטערן לאָדנטיש שטייט אַ מויד מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן וואָס ברענען ווי פייער. ס'זענען גראָד נישט געווען קאַ' קונים אין געוועלב און מיר זענען גלייך צוגע־גאַנגען צו איר.

— וואָס זאָגט עץ גוטס? — פרעגט זי. — עץ זענט ניש קאַ' היגע. — נישט קאַ' היגע — ענטפערט אסתר רויזע. — וואָס ווילט עץ קויפן? — פרעגט די מויד, און אסתר רויזע זאָגט: אַ נ אָ ד ל. אַזוי ווי די מויד האָט דערהערט דאָס וואָרט נאָדל, איז איר ס'פּנים געוואָרן פאַרענדערט. די אויגן זיינען געוואָרן בייז. זי טוט אַ זאָג: „צוויי ווייבער נאָך איין נאָדל?" עפּעס איז אָנגענומען ביי די קרעמער אַז אַ נאָדל איז נישט מזל'דיק. שבת־צו־נאַכטס, צו דער פולער וואָך, אַז מ'קומט קויפן אַ נאָדל, איז דאָס אַ סימן אַז די וואָך וועט זיין אַ שלים־מזל'דיקע. אין מיטן דער וואָך האָבן זיי אויך נישט ליב צו פאַרקויפן אַ נאָדל. מ'קויפט געוויינלעך אַ קלעצל פּאָדים, קנעפּלעך, און די נאָדל קריגט

מען פֿאַר אַ צולאָג, אָדער מ׳נעמט אַ גאַנץ טעווועלע נאָדלען. איין נאָדל האָט געקאָסט אַ האַלבע פּרוטה און ס׳איז שווער געווען צו געבן אַ רעשט. — יאָ, כ׳דאַרף נישט מער ווי איין נאָדל — זאָגט אסתר רויזע. יענע פֿאַרקרומט זיך און נעמט אַרויס אַ שאַכטל מיט נאָדלען. אסתר רויזע נעמט קלייבן און נישטערן. זי טוט אַ זאָג: האָסט אפשר אַנדערע נאָדלען? — וואָס טויגן נישט די נאָדלען? — פֿרעגט די מויד, און אסתר רויזע זאָגט: — זיי האָבן צו־קליינע לעכלעך. ס׳וועט מיר שווער זיין איינצופֿעדימען. די מויד טוט אַ זאָג: — אַלע נאָדלען האָבן ביי מיר די אייגענע לעכלעך. אויב איר זעט נישט, קויפֿט אייך אַ פּאָר ברילן. די אסתר רויזע טענה׳ט: לאָז מיך געבן אַ קוק. אפשר וועל איך געפֿינען אַ נאָדל מיט אַ גרעסער לעכל. יענע שלעפּט אַרויס אַ שאַכטל און שטעלט עס נישט אַוועק, נאָר גיט עס עפּעס אַ שליידער. די אסתר רויזע נעמט אַרויס נאָך אַ פּאָר נאָדלען און זי זאָגט: זיי האָבן אַלע קליינע לעכלעך. די מויד טוט אַ כאַפּ דאָס שאַכטל און שרייט: פֿאָרט אַוועק אין דער פֿאַבריק און באַשטעלט אַ נאָדל מיט אַ גרויס לאָך. דער מאַנסביל ביים שטענדערל הייבט־אָן לאַכן. די מויד טוט אַ פֿרעג: פֿון וואַנען זענט עך, פֿון כעלעם? און אסתר רויזע זאָגט: יאָ, פֿון כעלעם. — כ׳האָב באַלד דערקאָנט — ענטפֿערט די מויד. זי פֿאַלט אַריין עפּעס אין אַ צאָרן און זאָגט: אַ חוצפּה און אַ העזה דאָס איז יענעם צו דרייען אַ היטל צוליב אַ האַלבער פּרוטה. וואָס איז? כעלם איז געבליבן אָן נאָדלען? דער מאַנסביל ביים שטענדערל טוט אַ פֿרעג: — אפשר דאַרפֿט עך אַ זאַק־נאָדל? מיר האָבן דאָס אויך — און אסתר רויזע ענטפֿערט: — כ׳האָב פֿיינט זעק און מענטשן וואָס זיינען גראָב ווי די זעק. זי טוט אַ זאָג צו מיר: קום, זעלדע, זיי זענען נישט פֿאַר אונדז. די מויד טוט אַ רוף: כעלמער נאַראָנים, האָטך אַ גוטן שליטוועגס...

מיר קומען אַרויס אינדרויסן און ס׳איז מיר עפּעס איבער דער טבע. ס׳גייט פֿאַרביי אַ יידענע און אסתר רויזע פֿרעגט זי: וואו איז דאָס צעלניק־געוועלב פֿון ר׳ זעליג איזשביצער? — אָט־דאָ אַקעגן, ווייזט יענע. מיר שפּאַנען אַריבער דעם מאַרק און מיר קומען אַריין אין אַ געוועלב אַ דריטל פֿון ערשטן. דאָ שטייט אַ מיידל, נישט קיין שוואַרצע, נאָר מיט רויטע האָר. זי איז נישט קיין מיאוסע, אָבער זי האָט זומער־שפּרענקלעך אויפֿ׳ן פּנים. די אויגן זיינען גרין ווי אַגרעס. די אסתר רויזע פֿרעגט: — מ׳קאָן דאָ קריגן אַ נאָדל? דאָס מיידל ענטפֿערט: פֿאַרוואָס נישט? מ׳קען דאָ אַלץ קריגן. די אסתר רויזע זאָגט: כ׳זוך אַ נאָדל מיט אַביסל אַ גרעסער לעכל, ווייל ס׳קומט מיר אָן שווער איינצופֿעדימען. דאָס מיידל זאָגט: איכ׳ל אייך אַרויסנעמען אַלע נאָדלען און קלייבט אויס וואָס איר ווילט.

כ׳האָב שוין פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך און ס׳האַרץ נעמט מיר קלאַפּן ווי ביי אַ גזלן. דאָס מיידל נעמט אַרויס אפשר צען שאַכטלעך נאָדלען. זי טוט אַ זאָג: צו וואָס זאָלט עך שטיין? אָט איז אַ שטול, זעצט אייך. זי רוקט מיר אויך צו אַ בענקל. איך זע שוין אַז די אסתר רויזע פּרוּווט זי אויס. זי זאָגט: עפּעס זיינען די נאָדלען ביי דיר צונויפֿגעמישט; יעדע סאָרט דאַרף זיין באַזונדער, און יענע ענטפֿערט: ווען זיי קומען פֿון דער פֿאַבריק זיינען זיי סאָרטירט, אָבער די קונים צעמישן. כ׳זע שוין אַז אסתר רויזע זוכט נאָר געלעגנהייטן זי צו דער־

בייזערן. זי זאָגט: כ'זע דאָ נישט, ס'איז צו־טונקל, און דאָס מיידל ענטפערט: וואַרט, איכ'ל צושטעלן די שטול צו דער טיר, דאָרט איז ליכטיקער. — לוינט דיר דאָס אַלץ צוליב אַ נאָדל פאַר אַ האַלבער פּרוטה? — פרעגט אסתר רויזע, און דאָס מיידל זאָגט: פאַר אַ האַלבער פּרוטה קריגט מען ביי מיר צוויי נאָדלען, נישט איינע. דאָס איז ערשטנס; צווייטנס, מיין טאַטע זאָגט: דין פּרוטה כדין מאה. דער טייטש דערפון איז: דער דין פון אַ פּרוטה איז ווי פון הונדערט גילדוינים. היינט פאַרלאַנגט דער קונה אַ נאָדל, מאָרגן קאָן ער קומען קויפן וואָלנס אויף אַן אויסשטייער. — ווי־זשע קומט עס וואָס ס'געוועלב איז ליידיק? — פרעגט אסתר רויזע. — אַקעגנאיבער, ביי בעריש לובלינער, איז אַן ענגשאַפט אַז מ'קאָן קיין שפּילקע נישט אַריינשטעקן. זי זאָגט ווייטער: דאָרט האָב איך געקויפט די לייוונט, אָבער אַהער בין איך געקומען נאָך דער נאָדל.

דאָס מיידל ווערט ערנסט. כ'האָב שוין מורא אַז אסתר רויזע האָט איבער־געכאַפּט די מאָס. ביי אַ מלאך קאָן אויך פּלאַצן ס'געדולד. אָבער דאָס מיידל זאָגט: אַלץ איז באַשערט. וואָס גאָט גיט, דאַרף מען נעמען פאַר ליב. אסתר רויזע וויל אַליין צורוקן די שטול צו דער טיר, נאָר דאָס מיידל זאָגט: זייט אייך ניט מטריח. מיט אַמאָל טוט די אסתר רויזע אַ זאָג: וואַרט, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן. — וואָס ווילט איר זאָגן? — פרעגט דאָס מיידל, און אסתר רויזע זאָגט: טעכטערל, מזל־טוב. דאָס מיידל איז געוואָרן ווייס ווי קרייד. וואָס מיינט איר? פרעגט זי און אסתר רויזע ענטפערט: ווערסט זיין מיין שנור. איך בין — זאָגט זי ווייטער — ר' לעמל וואַגמייסטער'ס ווייב פון הרוביעשויו. כ'בין געקומען דיך אָנקוקן, נישט קויפן קיין נאָדל. דעם בערישעס טאָכטער איז אַ ראַגזשע און דו ביזט זייד. ווערסט זיין מיין בענצע'ס ווייב.

אַז דאָס מיידל האָט נישט אַוועקגעחלשט, איז אַ נס פון הימל. אַלע אין זאַמאָשטש האָבן געהערט פון ר' לעמל וואַגמייסטער. זאַמאָשטש איז נישט לובלין. ס'קומען אַריין קונים. מ'דערוויסט זיך וואָס ס'איז געשעהען. די אסתר רויזע נעמט אַרויס פון קייבערל אַ בייטשל בורשטין און זאָגט: דאָס איז פאַר דיר, חתימה־געלט. בויג־אָן דעם קאָפּ. דאָס מיידל בויגט אָן אונטער־טעניק דעם קאָפּ און זי טוט איר אָן ס'שנירל. ס'קומען צו לויפן דער מיידל'ס טאַטע־מאַמע. מ'קושט זיך, מ'האַלזט זיך, מ'וויינט. עמיץ איז גלייך אַוועק אָפּטראָגן די מעשה בערישעס מויד. אַז יענע האָט דערהערט וואָס ס'איז פאַר־לאָפן, האָט זי געטאָן אַ זעץ אַרויס מיט אַ געוויין. געהייסן האָט זי איטע. די איטע האָט געהאַט אַ גרויסן נדן. זי'ט גע'שמ'ט פאַר אַ פייערדיקער סוחרטע. דער זעליג איזשביצער האָט קוים דורכגעשטופּט די פּרנסה.

מיינע ליבע מענטשן, ס'איז געוואָרן אַ שידוך. זי, אסתר רויזע, האָט גע־טראָגן די הויזן. וואָס זי'ט געטאָן, האָט לעמל צוגעשאָקלט. דעם חתן אַליין האָט מען דעמאָלס נישט געפרעגט. מ'האָט געמאַכט תנאים און באַלד דערנאָך אַ חתונה. דער זעליג איזשביצער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען צו מאַכן אַ רייכע חתונה. קיין רעכטן נדן האָט ער אויך נישט געקאָנט מסלק זיין, ווייל ער האָט געהאַט נאָך צוויי טעכטער און צוויי בחורים וואָס האָבן געקנעלט אין בית־מדרש. אָבער ר' לעמל וואַגמייסטער ברויך נישט קיין נדנים. כ'בין געווען

אויף די תנאים, כ׳האָב געטאַנצט אויף דער חתונה. די אסתר רויזע האָט אויסגעקליידט ס׳מיידל ווי אַ פּרינצעסין. זי איז געוואָרן טאָפּלט שיין, אַז ס׳מזל שיינט אויף זעט מען עס אויפן פּנים. ווער ס׳האָט נישט געזען דאָס פּאָרל שטיין אונטער דער חופּה און טאַנצן ס׳מצווה־טענצל, דער ווייסט נישט וואָס נחת איז. ס׳איז געוואָרן צווישן זיי אַ לעבן ווי צווישן טייבעלעך. באַלד צום יאָר האָט זי אים געבוירן אַ יינגל.

ווען די איטע האָט זיך דערוואוסט אַז אסתר־רויזע איז געקומען זי אויספּרואוון, האָט דאָס זי אָנגעהויבן קרענקען. זי האָט טאָג און נאַכט נאָר גערעדט דערפון. זי׳ט אויפגעהערט שטיין אין געוועלב. גאַנצע נעכט איז זי געלעגן און געוויינט. די שדכנים האָבן גענומען לויפן צו איר מיט שידוכים, אָבער ערשטנס, האָט זי מער קיינעם נישט געוואָלט. אַ חוץ דעם האָט זי געקראָגן אַ נאָמען פון אַ מרשעת. מענטשן מאַכן פון אַ קווינט אַ קוואָרט. מ׳האָט אָנגעהויבן אויסטראַכטן אַלערליי שמאָנצעס. ס׳איז אויסגעקומען אַז די איטע האָט אָנגעזידלט אסתר רויזען ווי די לעצטע, איר אָנגעשפּיגן אין פּנים, אפילו געשלאָגן. דער בעריש איז געווען אַן אָנגעשטאָפּטער נגיד און אין די קליינע שטעט פאַרגינט מען נישט יענעם אַ שטיקל ברויט. איצט האָבן די שונאים געהאַט נקמה. די טאָכטער איז געווען די גאַנצע סוחרטע און אָן איר איז פון מסחר געוואָרן אַש. נאָך אַ צייט איז די איטע געוואָרן אַ כלה פון לובלין. יענער איז גאָר געווען אַ גרויש. ער איז געקומען קיין הרוביעשויוו און איבערגענומען דעם שווער׳ס געוועלב, נאָר ער האָט אַזוי געטויגט צו מסחר ווי איך קאָן זיין אַ כלי־זמר.

אַזוי איז שוין די טבע. אַז ס׳מזל דינט, דינט עס, און אַ ס׳הערט אויף דינען, נעמט אַלץ גיין קאַפּויר. די מוטער האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרץ, אַז זי איז געוואָרן קראַנק אויף די גאַל־שטיינער, אָדער אפשר איז עס געווען די געלזוכט. ס׳פּנים איז איר געוואָרן געל ווי זאַפּערן. די איטע האָט מער נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס אין קראָם, געוואָרן אַ שטוב־זיצערין. מ׳האָט גערעכנט אַז ווען זי וועט פאַרגיין אין טראָגן און האָבן אַ קינד, וועט זי פאַרגעסן, אָבער זי׳ט צוויי מאָל מפּיל־געווען. זי איז עפּעס געוואָרן ווי צערודערט אויך. זי׳ט גענומען שילטן די פריידע גיטלען — אַזוי האָט געהייסן בענצע׳ס ווייב — און רעדן אַז יענע האָט דאָס אַלץ אָנגעשטעלט. ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן אַלץ איינפאַלן אַ משוגענעם קאָפּ? זי האָט אויך געזאָגט אַז די פריידע גיטל וועט שטאַרבן און זי, איטע, וועט פאַרנעמען איר אָרט. אַז זי איז צום דריטן מאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט דער פאָטער זי גענומען צו אַ גוטן־ייד. כ׳האָב פאַרגעסן צו זאָגן: די מאַמע האָט שוין נישט געלעבט. דער רב האָט איר געגעבן קמיע׳ס, נאָר זי׳ט ווייטער גע׳מפּיל׳ט. זי׳ט אָנגעהויבן זיך דאָקטאָרן און זיך איינרעדן אַלערליי נישט־געשטויגענע שלאַפקייטן.

איצט הערט אַ מעשה. איינמאָל איז די איטע געזעסן ביי זיך אין שטוב און געניייט. דער פאָדים האָט זיך געהאַט אויסגעלאָזט און זי׳ט געדאַרפט איינפעדימען פונסניי. אינצווישן האָט זי אַריינגעשטעקט די נאָדל צווישן די ליפּן. מיט אַמאָל האָט זי דערשפּירט אַ שטאָך און די נאָדל איז ערגעץ אַהינגעקומען. זי׳ט זי געזוכט, נאָר ווי זאָגט מען עס: גיי געפין אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. מיינע

ליבע מענטשן, די איטע האָט זיך גענומען איינרייַדן אַז זי'ט די נאָדל אַראָפּגעשלונגען. ס'האָט איר געשטאָכן אין בויך, אין דער ברוסט, אין די לונגען, אין די פּיס. מענטשן זאָגן אַז אַ נאָדל וואַנדערט. זי איז אַוועק צום רופא, אָבער וואָס ווייסט אַ רופא ? זי איז געפאָרן קיין לובלין און אפילו קיין וואַרשע. אין דאָקטאר האָט געזאָגט אַזוי, אַ צווייטער דאָקטאר אַנדערש. מ'האָט איר אויסגעפּאָמפּט דעם מאָגן, נאָר מ'האָט נישט געפונען קיין נאָדל. באַהיט זאָל מען ווערן, די איטע איז געלעגן גאַנצע נעכט און געשריגן אַז ס'שטעכט זי. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גערייד. טייל האָבן געזאָגט אַז זי האָט אייגענס אַראָפּגעשלונגען אַ נאָדל זיך אַ מעשה אָנצוטאָן. אַנדערע האָבן גע'טענה'ט אַז ס'איז אַ שטראָף. אָבער פאַרוואָס איז איר געקומען צו שטראָפן ? זי איז שוין געהאַט דאָס איריקע איבערגעקומען.

זי איז אַוועקגעלאָפן קיין ווין צו אַ גרויסן דאָקטאר און יענער איז געפאַלן אויף אַן המצאה. ער האָט איר איינגעגעבן שלאָף־געטראַנק און איר געמאַכט אַ שניט אין בויך. ווען זי'ט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער איר געוויזן די נאָדל וואָס ער האָט מ'כלומר'שט אַרויסגענומען פון אירע געדערים. כ'בין נישט געווען דערביי. אפשר האָט ער טאַקע געפונען די נאָדל אויף אַן אמת. ווען זי איז צוריקגעקומען פון ווין, איז זי געוואָרן צוריק די אַמאָליקע איטע. פון געוועלב איז געהאַט געוואָרן אַ תל. דער פאָטער איז שוין געווען אויף דער אמת'ער וועלט. אָבער זי'ט געעפנט אַ ניי געוועלב. כ'האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן: נאָך דער מעשה מיט דער אסתר רויזע'ס קומען קיין זאַמאָשטש, זייַנען אַלע סוחרטעס אין דער גאַנצער געגנט געוואָרן אויסטערליש איידל, נישט בלויז צו פרעמדע, נאָר אפילו צו שטאָטישע. מ'האָט שוין נישט געוואוסט צי דער קונה וויל קויפן, אָדער אויספּרואוון. כלה־מיידלעך האָבן געקויפט ביים פאַקנטרעגער בריוונ־שטעלערס, וואו ס'איז באַשריבן ווי צו זייַן העפלעך. אַז אַ יידענע איז געקומען קויפן אַ קנויל בייַנוול, האָט מען איר צוגעטראָגן אַ שטול.

אין דעם נייעם געוועלב האָט די איטע ווידער געהאַט הצלחה, אָבער קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט. כ'ווייס נישט וואָס ס'איז געוואָרן דער סוף, ווייל כ'בין אַוועק פון יענע קאַנטן. אין דער גרויסער שטאָט פאַרגעסט מען אַלץ, אפליו אין גאָט. דער לעמל וואַגמייסטער און אסתר רויזע זייַנען שוין לאַנג נישט קיין היגע. פון דעם בענצען און זיין ווייב האָב איך שוין לאַנג נישט געהערט. יאָ, אַ נאָדל. צוליב אַן אַקס פון אַ וואָגן איז חרוב געוואָרן ביתר, און צוליב אַ נאָדל איז קאַליע געוואָרן אַ שידוך.

דער אמת איז, אַז אַלץ איז באַשערט. מ'קאָן זיך ליבן טויזנט מאָל, נאָר אויב ס'איז נישט קיין זיווג, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. מ'גייט אַרום זיבן יאָר, מיט אַמאָל רוקט זיך אונטער אַ פרעמדער און מ'לויפט מיט אים צו דער חופּה. כ'ווייס פון אַ מעשה ווי אַ בחור האָט חתונה געהאַט מיט דער כלה'ס חברטע אויף צעפּיקעניש און יענע האָט אויף צעפּיקעניש זיך אַרייַנגעוואָרן אין ברונעם. דערציילן ? ס'איז שוין שפּעט. ווען איך זאָל וועלן אויסדערציילן אַלע מעשיות וואָס איך ווייס, וואָלט איך גענדאַרפט זיצן מיט אייך זיבן טעג און זיבן נעכט . . .

ל. אָליצקי / גבעתיים, ישראל

# צו אַ פאַרשוועסטערטער דיכטערין

„נו, וואָס זאָגט מען אויף אַ „טרויעריק ספרל"? טרויעריק איז טרויעריק. נאָר וואָס טוט מען מיט דער שיינקייט? טרויער איז שיינקייט... און מיר ווילט זיך זאָגן: ברוך, ביסט אויך מיין ברודער, און איך קוש דיינע וואונדן."

(פון אַ בריוו)

1.

מיין טרויערבוך האָט דיין געמיט אַדורכגענומען,
נאָר ס'האָט די שיינקייט דיר געשטאָכן, ווי אַ זינד...
צי צירט מען נישט קיין קברים, שוועסטער, מיט קיין בלומען?
צי זאָלן אונדז די אָבל־טרערן מאַכן בלינד?

דאָס בוך — מיין קדיש אויפן אומבאַקאַנטן קבר
מיין ברודערס, **ברוכס**, וואָס דער דייטש האָט אים פאַרלענדט —
האָט אויפגעבלאָזן פונקען אין דיין יעדן אבר,
און **ברוכס** וואונדן האָבן זיך אויף זיי צעברענט.

„דו ביסט אויך מיר אַ ברודער, **ברוך**" — האָסט געצאַפּלט,
פאַרחלשט אויפן אָפּגרונט אין דעם ים פון גרויל;
געזען, פון זיינע וואונדן ווי דאָס בלוט זיך קאָפּלט,
האָסט צוגעקלעפּט צו זיי מיט קוש דיין מויל.

דערמיט געהייליקט זענען, שוועסטער, דיינע ליפּן,
ווייל הימלטוי איז דעם מאַרטירערס לויטער בלוט,
וואָס שרפים שפּרענקלען אוים דורך זינגענדיקע זיפּן,
און וואו ער פאַלט, גייט אויף באַגייסטערונג און מוט.

זאָל אויך אויף דיינע פעלדער אָט דער טויט זיך שפּרייטן,
אַז אויפגיין זאָל אויף זיי אַ ברויטגעזאַנג — דיין ליד
פאַר דעם באַפרייטן מענטשן, פריי פון נויט און קייטן —
זאָל **אונדזער ברוכס** אָנדענק זיין דערין פאַרהיט.

אָ, שוועסטער, לאָמיר זיין בייַנאַנד געשטאַרקט אין גלויבן,
אַז **ערגעץ** איז פאַרענטפערונג אויף אַלץ פאַראַן;
אַז ס'האָט אים, **אונדזער ברוכן**, די פּיין דערהויבן,
אַז מיט זיין טויט ער איז צום העכסטן ציל דערגאַן...

## טויט פאַרשאָלטענער

„טויט — — —
און טאַנץ דיר אַנטקעגן
מיט פריידיקן כיבוד אויף דלאַנישע טאַצן.“
ברוך אָלי'צקי

.2

ווען ס'האָט דיך פייערלעך צו זיך גערופן
מיין אומגעבראַכטער ברודער, ברוך ז"ל,
און קעגן דיר געטענצלט בגילופין —
האָט אפשר אויפגעהעלט אין אים אַ שטראַל

פּאָעטישע נבואות: „סע דערוואַרט דיך
אַ סוף פון וואַרגנדיקן נאַצי־שטריק...“ —
דערפאַר האָט ער אַ דורשטיקער געגאַרט דיך,
זאָלסט גלייך אים ברענגען דאָס גאולה־גליק...

נאָר דו, פאַרשאָלטענער, האָסט נישט פאַרנומען,
ביסט ווי קיין גואל נישט צו אים געקומען —
דער נאַצי האָט דיך צו זיין שוועל געבראַט,

און אויף דיין קופער־שטערן גלאַנצט דער רעיון:
„פאַר פאָלק־ישראל־מאָרד — לית דין, לית דיין!“
און דורך דיין קעל דער ברוינער תליון לאַכט...

רייזל זשיכלינסקי / ניו־יאָרק

## מיינע זייגערס

די ווייזערס פון מיין זייגער
וואָס גייט נישט —
ווייזן די אייביקייט.
די ווייזערס פון מיין זייגער
וואָס גייט —
דערמאָנען מיר מיין פאַרגאַנגלעכקייט
און די פאַרנאַכטן,
ווען עס לעשן זיך אוים די ווענט,
און עס לעשן זיך אוים מיינע זייגערס,
קוק איך צום הימל אַרויף,
צו די שטערן:
די ווייזערס פון דעם גרויסן בער,
די ווייזערס פון דעם קליינעם בער,
ביידע פירן אַהיים
צו דעם לויטערן, אייביקן ליכט
פון צפון־שטערן.

אברהם גאָלאָמב / האָליוואוד

# וועגן יידיש אין ישראל

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך אַז יידן ווילן וויסן וואָס עס הערט זיך אין דער יידישער מדינה. עס איז ניט פריילעך מיט יידישקייט אין דער וועלט, ווילט זיך הערן גוטע גרוסן אפילו פון ווייטן. און פון וואַנען זאָלן איצט קומען גוטע גרוסן וועגן יידן, וועגן יידישקייט אַז ניט פון ארץ ישראל? יידישיסטן פרעגן זיך נאָך וועגן דער לאַגע פון יידיש אין ארץ־ישראל — צי עס איז נאָך פאַראַן דער אַמאָליקער באָיקאָט אויף יידיש, אָדער ער איז שוין ניטאָ? וואָס הערט זיך מיט יידישע ביכער?? וואָס הערט זיך מיט צייטונגען? מאַלע וואָס יידן ווילן וויסן?

און דער אמת, אַז אַ ייד קומט נענטער צו די ברעגן פון ארץ ישראל הייבט אָן צו קלאַפּן אין האַרצן. אַ יידישע מדינה — אַ קלייניקייט! האָט מיר מיין חברטע גענומען רייסן צום פענצטער: זע ווי גרין עס איז! גרינער ווי אין גריכנ־לאַנד! אַ יידישער לופטפּאָרט, יידן רעווידירן דעם באַגאַזש. זאָגט אייך וואָס איר ווילט — עס שמעקט מיט היים. היינט אומעטום אונדזערע יידישע אותיות! זיך שוין טאַקע געווען אויסגעבענקט נאָך אַ יידיש אות, אַ יידיש וואָרט. עס שסאַרבט דאָך ביי יידן אין אַמעריקע דער יידישער אַלף־בית. ערשט דאָ — אונדזער אלף־בית, אונדזערע אותיות אויף די גאַסן, אויף די שילדן אומעטום. פילט זיך אַ ייד היימישער, יידישער.

דעם ערשטן אָוונט שפּאַצירט מען גלייך אויף דער געפּאַקטער דיזענגוף־גאַס. ליכטיק, פול מיט מענטשן, טראָטואַרן ברייטע, פול מיט טישלעך און מען זיצט און מען רעדט. איר גייט צו און פרעגט אַ גאַס אויף עברית, אויף יידיש — מען וועט אייך ענטפערן. מען דאַרף ניט קוקן אין פּנים אַריין צי האָט מען געטראָפן אַ יידן אָדער ניט — אַוודאי אַ ייד, וואָס דען? רייבט מען זיך די זייטן צווישן די מענטשן אויף די געפּאַקטע טראָטואַרן און איך וויל הערן ווי יידן ריידן. די יוגנט רעדט עברית; מען רעדט, מען לאַכט, מען קריגט זיך, מען שטיפט — אַלץ עברית.

די דערוואַקסענע ריידן אָן אַ שיר שפּראַכן. ניט אַלע דערקען איך. מער פון אַלץ הערט מען אויף די גאַסן פון תל־אביב דייטש. וואונדער איך זיך: פון וואַנען נעמען זיך איצט אַזוי פיל דייטשישע יידן? געווען אַ מאָל אַ צייט, ווען מען האָט אין תל־אביב גערעדט רוסיש, און יידן־וויצלער האָבן אפילו געלאַכט, אַז אַנשטאָט תל־אביב דאַרף מען גאָר זאָגן „טעל אַוויאַוו". געווען אַ צייט ווען מען האָט אין תל-אביב געהערט איבערהויפּט פּויליש. דאָס איז געווען די צייט פון „גראַבסקי־עליה", ווען יידן זיינען געלאָפן פון פּוילן. אָבער פון וואַנען קומען איצט אַזוי פיל דייטשישע יידן?

שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן: די דייטש־ריידנדיקע יידן זיינען קיינמאָל אין דייטשלאַנד ניט געוועזן. דאָס זיינען יידן פּוילישע, רומעניש, פון אַנדערש־וואו. פאַרוואָס ריידן זיי גאָר דייטש? ווייל עס איז „שענער, אנשטענדיקער, אינ־טעליגענטער." גייט אַריין אַזאַ ייד, וואָס איז געקומען קיין ישראל און ער האָט ניט קיין אַרבעט, פעדלט ער, קומט ער אין אַ שטוב פון אַ יידישער שרייבערין, רעדט ער דייטש, פרעגט זי אים פאַרוואָס ער רעדט גאָר דייטש? ענטפערט ער

גאָר פּשוט: ער האָט געמיינט אַז זי איז אַן אינטעליגענטע פרוי... איך פרעג אַזאַ ייִדן, פון וואַנען ער קומט, אַז ער רעדט גאָר דייטש. זאָגט ער, אַז ער קומט פון עסטרייך, פון שלעזיע. ווי קומט שלעזיע קיין עסטרייך? — האָט ער ניט גע־לערנט קיין געאָגראַפיע, און וויל מיך איינריידן אַז פּלאָצק איז שלעזיע, און שלעזיע איז עסטרייך. זאָגט מיר אַ דאַמע מיט אַ הינטל, אַז זיין איז זי „איינע רוסין", ווייל זי האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין מאָסקווע, און הגם זי שטאַמט און קומט „אויס ביאַליסטאָק", איז איר שפּראַך „דויטש", וואָס זי האָט זיך אויס־געלערנט אין דער צייט פון דער מלחמה...

מען קען מיר גלייבן אָן אַ שבועה, אַז די ייִדישע מדינה האָט קיינעם ניט געהייסן ריידן קיין דייטש. בלייבט די קשיא, פאַרוואָס טוען דאָס ייִדן? וועל איך פרעגן פאַרקערט: פאַרוואָס האָבן ייִדן פון דער גאַנצער וועלט אין אַמעריקע ניט גערעדט מיט זייערע קינדער קיין ייִדיש? און וואו, אין וואָסער לאַנד ריידן יאָ ייִדן מיט זייערע קינדער ייִדיש? אַזוי זיינען שוין ייִדן אין דער גאַנצער וועלט! אַז אַ ייִד וויל מען זאָל אים האַלטן פאַר אַן אינטעליגענט, וועט ער ברעכן די צונג אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, אַבי חלילה ניט קיין ייִדיש. איר פרעגט פאַר־וואָס די מדינה פירט ניט איין קיין ייִדיש אין די שולן? — נו, און ביי אייך אין אַמעריקע לערנט מען אַ סך ייִדיש אין די הויכשולן, אין די ישיבות, אין די ייִדישע קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן ?

אָט גייט אַרויס אין מדינת ישראל אַ פּראַקטיקער זשורנאַל אין ייִדיש: „די גאָלדענע קייט." וויפיל אַזוינע ייִדישע זשורנאַלן, צייטונגען, בלעטער, גיט אַרויס דער ייִדישער קאָמיטעט אין אַמעריקע ? די בני ברית ? און אַלע צענטראַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע ? און די „גאָלדענע קייט" גיט אַרויס די הסתדרות אין ארץ ישראל. וויפיל גיבן אויס די אַלע ציוניסטישע און ניט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער רייכער אַמעריקע אויף דעם עלטסטן ייִדישן זשורנאַל אין אַמעריקע — אויף דער „צוקונפט"? אָט איז לאָס אַנדזשע־לעס אַן עין־הרע אַ גרויסער ייִדישער ישוב, גרעסער ווי וואַרשע איז געווען פאַר דער מלחמה, וויפיל ייִדישע זשורנאַלן גייען דאָ אַרויס? ווי רייך זיינען זיי? וויפיל שטיצע באַקומען זיי פון די רייכע אַלגעמיינע בודזשעטן וואָס ווערן אויפ־געקליבן אין שטאָט ?

מען מעג אויסזאָגן אַ סוד, אַז אַ סך פון די ייִדן וואָס פירן די מדינה האָבן אַליין גאָר ליב ייִדיש לשון, זיי לייענען ייִדיש מער ווי דאָס טוען ייִדישע פירער אין אַמעריקע; זיי ריידן אַליין גערן ייִדיש; זיי וואָלטן אפשר גערן געשטיצט ייִדיש לשון אין דער מדינה, נאָר זיי האָבן מורא פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן: וועלן אַמעריקאַנער ייִדן זיך דערוויסן, חלילה, אַז דער פרעמיער פון ישראל אָדער גאָר דער פּרעזידענט ריידן גאָר ייִדיש, וועלן זיי דאָך, די אַמעריקאַנער, פאַרלירן די אַכטונג... וואָס? זיי ריידן גאָר „פּליין דזשואיש"! אַ סקאַנדאַל!

איר זאָגט, מיר ייִדישיסטן? — איך האַלט אויך אַז אָן ייִדיש לשון שטייט דער קיום פון ייִדישן פאָלק אין דער גרעסטער סכנה. איך האַלט אויך אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע איז פאַר ייִדן אַ חורבן אָן בלוט. איך ווייס דאָס אויך קלאָר פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. אָבער לאָמיר זאָגן דעם אמת: וואָס האָבן

יידן, קלוגע, געטרייע יידן — וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן אויף דעם געביט פון אויפהאַלטן יידיש לשון און יידישע קולטור?

אָט האָבן יידן־העברעאיסטן נאָך אַ מאָל דערזען אַז אין רוסלאַנד קען העב־רעאיש ניט האָבן קיין קיום, זיינען זיי אַוועק קיין ארץ ישראל און אין דעמאָלדיקן מידבר מיט קדחת, מיט סכנות האָבן זיי געבויט קיבוצים. וויפיל קיבוצים האָבן אויפגעבויט יידישיסטן מיט יידיש? וויפיל מיליאָניקע פאָנדן האָבן יידן געשאַפן פאַר יידישער קולטור? וויפיל זיינען דאָ פרומע יידן אין אַמעריקע, וואָס זאָלן ניט וועלן דאַווענען אין שולן וואו מען רעדט צום יידישן גאָט אויף אַ פרעמדער, ניט יידישער שפּראַך? וויפיל זיינען דאָ וועלטלעכע יידישיסטן וואָס זאָלן פאָדערן אַז זיי גיבן געלטער נאָר ווען מען וועט די אַרבעט פירן אין יידיש?

אָט שטורעמען יידן מיט פּראָטעסטן קעגן רוסלאַנד, פאַרוואָס זי שטיצט ניט די יידישע קולטור, און הלוואי זאָלן די פּראָטעסטן זיין נאָך שטאַרקער, נאָך הילכיקער, ביז די טויבע אויערן פון מאָסקווע זאָלן דערהערן... אָבער, דערלויבט מיר צו פרעגן שטילערהייט, און טאַקע מיט אמתער חרפּה: נו, און די יידן אַליין אין אַמעריקע? גראַנדיעזע בּיודזשעטן ווערן געשאַפן פאַר ישראל און פאַר אָרטיקע באַדערפענישן, זייער גוט! אָבער צו שטיצן די בודזשעטן, די יידישע קולטור אין אַמעריקע גופא? „צדקה הייבט זיך אָן אין דער היים"—זאָגן די אַמעריקאַנער. וואָלטן יידן אין אַמעריקע געדאַרפט אָנהייבן זייער קאַמף פאַר יידישער קולטור אויך פריער און קודם כל ביי זיך גופא, טאַקע אין אַמעריקע. אָט איז מיר אָבער אויסגעקומען צו הערן גאָר שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש פון יידישיסטן, נאָר מער ניט וואָס זייערע אייגענע קינדער האָבן קיין וואָרט יידיש ניט געקענט . . .

עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז די יידישע מדינה דאַרף זייער נויטיק האָבן יידיש לשון און יידישע קולטור. איך ווייס, אַז מיט יידיש וואָלט די מדינה געקאָנט גרינגער זיך באַפרייען פון אַ סך שווערע פּראָבלעמען, וואָס זיי פעלן ניט אין ישראל. צום באַדויערן, אָבער, די שולד ליגט קודם כל אויף די אַמעריקאַנער יידן אין אַמעריקע און אויף די וואָס קומען קיין ישראל. אָט קומען פרומע יידן, חסידים, און בויען זיך אויס זייערע שטעטלעך. מען שטערט זיי ניט. איך בין זיכער אַז איצט וואָלטן זיך ניט איבערגעחזרט די אָנפאַלן אויף יידיש וואָס זיינען געווען אַמאָל. אָט האָבן בונדיסטן געעפנט אַ פאַר צוגאָב־שולן אויף יידיש און מען האָט איצט אויף זיי קיין באָמבעס ניט געוואָרפן. אַדרבא, פאַרוואָס נאָר קליינע צוגאָב־שולן? פאַרוואָס ניט קיין גרויסע טאָגשולן? פאַרוואָס ניט קיין יידישע הויכשולן, ווי עס האָבן געבויט די רעליגיעזע (בר אילן)?

איר פרעגט, וואָס הערט זיך מיט יידיש אין מדינת ישראל ?

— נייק, ניט גוט, ניט ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער שולדיק אין דעם זיינען ניט דווקא די יידן פון ישראל, נאָר די יידן אומעטום, אַזוי זיינען מיר יידן און מיר האָבן אונדזערע דעפעקטן געבראַכט אויך קיין ארץ־ישראל.

**מאַטעס דייטש**

# יעקב שרייבט אַ בריוו צו דער וועלט

(פון דער סעריע „דער פּאַטריאַרך יעקב״)

וועלט! יעקב מוז צו דיר שרייבן אַ בריוו;
נאָר וואָס פאַראַ אותיות זאָל איך נוצן?
כ׳ווייס ניט. כ׳בין צו לשונות סענסיטיוו.
זאָל איך דיך אירצן, צי זאָל איך דיך דוצן?

מחמת אַמאָל פיל איך זיך היימיש ביי דיר,
אַמאָל — פרעמד און מבולבל ווי אַ נייער גר
וואָס היט זיך תמיד מיט יעדן אייגענעם מאַניער;
אַמאָל גאָר קינדעריש — אַ צוגעקייטלטער ציגיינער צום בער...

כ׳האָב אַלצדינג געלערנט אויף דיין וועלט
און איך מאַך עס פינקטלעך, אַקוראַט (יאַק אי טאַק)
אַזוי ווי דיר ווילט זיך, ווי דיר געפעלט;
צום סוף ביסטו אַלץ דער געקריוודעטער טשודאַק.

נאָר רק דו פאַרניוודעסט מיך מיט קלאָץ-קשיות:
אַמאַי און אַמאַי איך בין ניט פונקט ווי דו...
כ׳טרייב ניט קיין חזרים-טשערעדעס צו פּאַשעס
און אָט-דאָס טאַקע רויבט דיר דיין ערדישע רו...

עד, עד, יעקב זעט דאָך ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק
זיך דורכשרייבן מיט עשיו׳ס וועלט אויף טאָלק,
צערייסט ער דאָס פּאַפּיר און וואַרפט עס אַוועק —
זאָל ג־ט זיך דורכשרייבן פאַר זיין פאָלק...

פּרופ׳ ח. מ. ראָטבלאַט

# דער כאַראַקטער פון די יידישע סאָציאַלע געזעצן

די יידישע סאָציאַלע געזעצן זיינען, אין זייער עצם מהות הומאַניטאַרע און אוניווערסאַלע, ווייל זייער לייט־מאָטיוו איז: גערעכטיקייט, גלייכהייט, באַרמ־האַרציקייט און ברודערלעכקייט. זיי ציען זייער יניקה פון דער יידישער עטיש־רעליגיעזער און פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג, וועמענס קאַרדינאַלער יסוד איז: מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איין גאָט, דער באַשאַפער פון דער וועלט, און דער פועל־יוצא פון דעם גלויבן איז: איין מענטשהייט. קיין פאָלק איז ניט מער יחסן ווי דער צווייטער, ווייל אַלע זיינען מיר קינדער פון דעם איינאיינציקן באַשאַפער.

דער נביא מלאכי האָט דעם געדאַנק פון גלייכהייט פון אַלע פעלקער און ראַסן קורץ און בולט פאָרמולירט: „איז ניט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען? האָט אונדז ניט איין גאָט באַשאַפן? פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אָן אַנדערן?״ (מלאכי, קאַפּיטל ב׳־י׳.)*

דער געדאַנק פון גלייכהייט פון אַלע פעלקער און ראַסן ווערט אַרויסגעבראַכט כמעט ביי אַלע אונדזערע נביאים. דער נביא עמוס ווענדעט זיך צו די קינדער פון ישראל מיט דעם שאַרפן זאָג: „פאַרוואָר ווי די קינדער פון כושים זייט איר מיר, קינדער פון ישראל, זאָגט גאָט. פאַרוואָר איך האָב אויפגעבראַכט ישראל פון לאַנד מצרים, און די פלשתים פון כפתור און ארם פון קיר.״ (עמוס י״א־י״ב).

און ממילא דענקט ניט, קינדער פון ישראל, אַז איר זייט העכער פון אַנדערע פעלקער, און גרעסערע יחסנים ביי גאָט; איר זייט אַלע גאָטס קינדער. דער פּרינציפּ פון גלייכהייט ווערט דאָ מעכטיק באַטאָנט.

דער נביא ישעיה וויינט מיט ביטערע טרערן אויף דעם חורבן פון מואָב, פּונקט ווי ער וואָלט באַקלאָגט דעם חורבן פון זיין פאָלק: „דאַרום ברומען ווי אַ האַרף מיינע געדערים אויף מואָב און מיינע אינגעווייד אויף קיר־חרש — אַ שטאָט אין מואָב.״ (ישעיה, קאַפּיטל ט׳־י״א).

דער געדאַנק וואָס איז אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון דער יידישער וועלט־אַנשויאונג, ווערט בפירוש איבערגעחזרט פיל מאָל אין דער תורה און שטאַרק באַטאָנט, ווערט נאָך העכער און בולטער אַרויסגעבראַכט אין דער נבואה, אין דער חכמה ליטעראַטור און האָט דערגרייכט זיין הייך אין תלמוד, אין מדרש, אין דער מיסטישער ליטעראַטור (קבלה), און אין דער פאָלקס־ליטעראַטור פון חסידות.

די תורה הייבט זיך ניט אָן מיט אַברהמען, דעם פאָטער פון אונדזער פאָלק, נאָר מיט דער קאָסמאָגאָניע — די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף — און מיט דער געשיכטע פון מין מענטש, וועמענס פאָטער איז, לויט דער יידישער טראַדיציע, אָדם הראשון, דער פאָטער פון דער גאַנצער מענטשהייט. די תורה לערנט אונדז

*) אַלע ציטאַטן פון תנ״ך זיינען פון תרגום יהואָש.

ניט, אַז נאָר דער ייִד איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. מיר לייענען אין דער תורה: „און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט; אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן.“ (בראשית, קאַפיטל א׳-כ״ז).

אין דער גמרא סנהדרין (זייט ל״ח-ב׳) ווערט דער געדאַנק פון גלייכהייט פון מין מענטש לעגענדאַריש-סימבאַליש אַרויסגעבראַכט: „אָדם הראשון גופו מבבל וראשו מארץ ישראל ואבריו משער הארצות.“ (אָדם הראשון׳ס קערפער איז באַשאַפן געוואָרן פון בבל, זיין קאָפ — פון ארץ ישראל, און זיינע אברים — פון די איבעריקע לענדער).

דער תנא רבי מאיר דריקט אויס דעם זעלבן געדאַנק בולטער: „אדם הראשון מכל העולם כולו הוצבר עפרו.“ (אָדם הראשון, וועלכער איז, לויט דער תורה, באַשאַפן געוואָרן פון שטויב פון דער ערד, איז דער שטויב אויפגעזאַמלט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט). די ביידע ציטאַטן פון תלמוד ברענגען בולט אַרויס דעם געדאַנק פון גלייכקייט פון מין מענטש.

דער תנא בן עזאי האַלט, אַז דער גלויבן אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט איז דער גרעסטער כלל פון דער תורה, ווייל ער הייבט אויף דעם גאַנצן מין מענטש צו אַ געטלעכער מדרגה, ווי דער דיכטער פון ספר תהלים זינגט: „ותחסרהו מעט מאלהים„ — ווארום האָסט אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט. (תרגום יהואש).

דער תנא רבי עקיבא, כאָטש ער איז מיט אים מסכים: חביב אָדם שנברא בצלם“ (פרקי אבות) האַלט אָבער, אַז דאָס געבאָט פון דער תורה: „ואהבת לרעך כמוך“ (דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט, ד.ה. יעדן מיט-מענטש, ווי זיך זעלבסט) איז דער גרעסטער כלל פון דער תורה, ווייל אָן ליבע פון דעם גאַנצן מין מענטש איז דער גלויבן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, אַ פוסטע פראַזע אָן אינהאַלט.

די יידישע סאָציאַלע געזעצן זיינען אוניווערסאַל, ווייל זיי זיינען ניט באַ-גרעניצט נאָר צו די קינדער פון אייגענעם פאָלק, נאָר זיינען כולל אַלע מענטשן, און ניט נאָר מענטשן נאָר דעם גאַנצן געטלעכן באַשאַף; אַלע גאָטס באַשעפענישן, ווען זיי זיינען אין אַ נויט אָדער אין אַ צרה, מוזן מיר זיי העלפן און באַשיצן, אַזוי ווי מיר זיינען פאַרפליכטעט צום מין מענטש, און דעריבער באַטאָנט די תורה אַז דער רו-טאָג שבת איז ניט נאָר כולל „דיין קנעכט און דיין דינסט“, נאָר אויך „דיין בהמה און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן.“ און די גמרא האַלט, אַז מ׳טאָר ניט מצער זיין קיין באַשעפעניש איז אַ פרינציפ פון דער תורה. צער בעלי חיים מדאוריתא).

דער תלמודישער פאָלקלאָר איז רייך מיט לעגענדן וועגן דעם ענין, ווי למשל: אויף רבי יהודה הנשיא זיינען געקומען יסורים, ווייל ער האָט זיך ניט מרחם געווען אויף אַ קעלבל, וואָס מ׳האָט געפירט צו דער שחיטה. זיינע יסורים האָבן אים אָפגעלאָזט ווען ער האָט זיך מרחם געווען אויף קעצלעך, וואָס זיין דינסט האָט אויסגעקערט פון דער שטוב.

דער עצם באַגריף, צדקה — גערעכטיקייט — ענטהאַלט אַ זייער נאָבעלן געדאַנק: ווען איינער העלפט אַן אָרימאַן, ווען ער נויטיקט זיך אין הילף, זאָל ער וויסן, אַז ער טוט ניט אים קיין טובה. צדקה איז אַ הייליקער מענטשלעכער חוב

און ניט קיין גענאַד, ווייל ער גיט ניט זיינס, נאָר וואָס גאָט האָט אים געגעבן, ווייל אַלץ באַלאַנגט צו גאָט, דער מענטש איז נאָר דער וועכטער אויף זיין פאַרמעגן.

אין דער תלמודישער הלכה (געזעץ) ווערט צדקה פאַרוואַנדלט ניט אין קיין רשות, אַ פּריווילעגיע פון געבער — אַז ער וויל גיט ער, אויב ער וויל ניט קאָן מען אים ניט צווינגען צו געבן. לויט דער תלמודישער הלכה קאָן קהל צווינגען דעם יחיד צו טאָן זיין פליכט און געבן צדקה לויט זיין יכולת: „כופין על הצדקה" איז דער תלמודישער כלל (מען צווינגט צו געבן צדקה). סאָציאַלע הילף איז אַ הייליקער פליכט, ניט קיין רשות!

דער תלמודישער פאַלקלאָר איז רייך אין מעשהלעך, ווי אַזוי מ'האָט געניטט קאַרגע עשירים צו געבן צדקה. אַזוי ווערט דערציילט, אַז אַן אמורא האָט אַראָפּ־גענומען דעם מאַנטל פון די פּלייצעס פון אַ רייכן קמצן, וואָס האָט ניט געוואָלט געבן קיין צדקה.

אין דער תורה ווערט שוין אָנגעוואונקען דער תלמודישער פּרינציפּ, אַז צדקה איז אַ סאָציאַלער חוב, דעריבער געפינען מיר אין דער תורה אַזעלכע דער־האבענע געזעצן, ווי למשל: די דריי באַוואוסטע מתנות, וואָס דער פּויער מוז געבן: לקט—אויפקלייב, שכחה—אַ פאַרגעסענער גאַרב פון זאַנגען, און פּאה—דאָס עק פון פעלד טאָר ניט געשניטן ווערן פון פּויער, דאָס מוז ער איבערלאָזן פאַר דעם אָרימאַן, וואָס האָט ניט קיין אייגן שטיקל פעלד; פאַר דעם פרעמדן און בכלל פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן.

ווען די פּרוכט פון פעלד, די פּירות פון גאָרטן, אָדער וויינגאָרטן, ווערן צייטיק, קאָן יעדער אָרימאַן אַריינגיין פראַנק־און־פריי און עסן צו דער זאַט פון זיי, ער נייטיקט זיך ניט אין דעם באַלעבאָסעס דערלויבעניש.

איינמאָל אין דריי יאָר האָט יעדער פּויער געמוזט געבן „מעשר עני", אַ צענטל פון זיין תבואה, פּירות פון גאָרטן, אפילו פון געבוירענע שאָף און רינדער. דאָס איז געווען אַ הייליקער חוב. דאָ איז שוין אָנגעוואונקען דער צוואַנגס־כלל, כאָטש ער איז ניט בפירוש דערמאָנט אין דער תורה, וואָס די חכמי התלמוד האָבן שפּעטער פאָרמולירט שאַרף און בולט: „כופין על הצדקה." דער פּרינציפּ פון צוואַנגס־צדקה איז נאָך אַלץ אַ חלום און אַ שטרעבונג אפילו אין פּראָגרעסיווע לענדער.

אינטערעסאַנט איז דער דין (געזעץ) פון תלמוד, אַז „מעשר עני נותנין לאשה תחילה משום זילותא" (יבמות זייט ק'־ב) — מעשר עני גיט מען דער פרוי צום ערשטן, צוליב שעמעוודיקייט, אָדער איידלקייט, ווייל פון דער נאַטור איז די פרוי שעמעוודיקער ווי דער מאַן, דאַרף מען איר געבן צום ערשטן, אַז זי זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. און ניט נאָר דאַרף מען זיך היטן ניט צו פאַרשעמען די אָרימע פרוי, נאָר מ'דאַרף זיך בכלל היטן ניט צו פאַרשעמען אָדער חלילה באַליידיקן דעם אָרימאַן וואָס נייטיקט זיך אין הילף.

די חכמי התלמוד טייטשן אויס דעם פּסוק: „אשרי משכיל אל דל" (תהלים קאַפּיטל ע"א) מ'דאַרף זיך קליגן ווי אַזוי צו געבן עפּעס אַן אָרימאַן, מ'טאָר אים ניט פאַרשעמען אָדער באַליידיקן, מ'דאַרף אים געבן אויף אַ ברודערלעכן מענטש־לעכן שטייגער, ניט ווי אַ גענאָד, נאָר ווי הילף פון אַ מענטש צו זיינס גלייכן.

דאריבער איז ביי יידן אין אַלע דורות געווען פאַרהייליקט „מתן בסתר,״ דער געבער זאָל ניט וויסן וועמען ער גיט און דער נעמער זאָל ניט וויסן ווער ס׳האָט אים געגעבן.

וויכטיקער פאַר צדקה איז געווען דער פרינציפּ פון שטעלן דעם אָרימאַן אויף זיינע פיס, ד. ה. אים העלפן מיט אַן הלוואה, א גמילות־חסדל אין צייט פון נויט, אַז ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו צדקה. דער רמב״ם אין זיינע אַכט כללים וועגן געבן צדקה האַלט, אַז דאָס איז די העכסטע מדרגה פון צדקה; דאָס איז אויך אַ תלמודישער פרינציפּ: „גדול המלוה יותר מן העושה צדקה.״ (שבת ס״ג־א׳). דער וואָס גיט דעם אָרימאַן אַ גמילות חסד און העלפט אים זיך צו דער־נערן פון זיין פראַצע, אַז ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו צדקה, איז גרעסער און טאַקי אויך בעסער ווי געבן צדקה.

דאָס געזעץ פון שמיטה, ד. ה. ניט צו אַקערן און זייען דאָס פעלד אין זיבעטן יאָר, און טאָמער האָט עפּעס געוואַקסן אין די פעלדער פון זיך („ספיח״ אין דער תורה — ווידערוואוקס) געהערט דאָס ניט נאָר צו די אייגנטימער פון די פעלדער, נאָר עס איז הפקר (העפקער) פאַר יעדן איינעם: ער מעג זיך שניידן אַ טייל פון ווידערוואוקס און אויך נעמען אַ טייל פון די פּירות פון גאָרטן, וויינ־גאָרטן אָן דערלויבעניש פון די אייגנטימער, איז געווען דער לייט־מאָטיוו, אַז די וועלט און אירע גיטער באַלאַנגען ניט צו די אייגנטימער נאָר צו גאָט: „לה׳ תבל ומלואה״ (תהלים, קאַפּ. י״ד). דאַרפן זיי טאַקע וויסן, אַז כאָטש איינמאָל אין זיבן יאָר איז ער ניט דער באַזיצער פון זיין פאַרמעגן און אין דעם זיבעטן יאָר זיינען די תבואה פון זיינע פעלדער, די פרוכט פון זיינע גערטנער, ניט זיינע. אַלע נויטבאַדערפטיקע האָבן גלייכע רעכט אויף זיי.

די תורה האָט ניט מבטל געווען פּריוואַט־אייגנטום, ווייל דאָס איז אַ טיף איינגעוואָרצלטער אינסטינקט אין יעדן מענש, און די מענטשהייט איז ניט ביכולת דאָס אויסצוּוואָרצלען, אָבער מ׳דאַרף עס באַגרעניצן און בהדרגהדיק אָפּשוואַכן.

דאָס געזעץ פון שמיטת כספים, שמיטה פון געלט, אָדער ריכטיקער, פון אַ הלוואה וואָס איינער באָרגט זיין מיטמענטש הן פון תבואה, הן פון געלט ממש, ווען דער בעל־חוב האָט ניט באַצאָלט זיין חוב ביז דעם זיבעטן יאָר, שמיטה־יאָר, האָט דער מלוה (באָרגער) דאָס ניט געקאָנט אויפמאָנען נאָך דעם יאָר, האָט אויך באַצוועקט אָפּצעשוואַכן דעם אינסטינקט פון פּריוואַט־אייגנטום.

איך וועל בשום אופן ניט באַהויפּטן, אַז די געזעצן פון די ביידע שמיטות זיינען שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. ס׳זיינען דאָ גענוג רמזים אין תלמוד, אַז זיי זיינען ניט שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן און אפשר זיינען זיי געווען פון דער קאַטע־גאָריע דינים, וואָס זיינען „הלכה ואין מורין כן.״ ד.ה. געזעצן, וואָס האָבן בשום אופן ניט געקאָנט זיך רעאַליזירן אין לעבן. אין פּרקי אבות איז בפירוש געשריבן: „גלות באה עס שמיטת הארץ״, ד. ה., יידן זיינען באַשטראָפט געוואָרן אויסצע־וואַנדערן פון זייער לאַנד, ווייל זיי האָבן ניט אָפּגעהיט די געזעצן פון לאַנד שמיטה (שמיטת קרקעות).

אין די שפּעטערדיקע דורות, ווען יידן האָבן זיך באַשעפטיקט ניט נאָר מיט ערד־אַרבעט, נאָר האָבן אויך אַנטוויקלט דעם האַנדל אין לאַנד, האָט הלל הנשיא

מתקן געוועזן דעם „פּרוזבול״. ער האָט מיט דער צושטימונג פון זיינע חברים אין סנהדרין (העכסטער געריכט און נאַציאָנאַלער ראַט) רעפאָרמירט דעם געזעץ פון געלט־שמיטה, ווייל עס איז געווען אַ מניעה און שטערונג פאַר דעם האַנדל. (שלא תנעול דלת בפני לווין). מענטשן האָבן מורא געהאַט צו געבן אַן הלוואה פאַר דער שמיטה־יאָר, און אַן הלוואות קאָן זיך קיין האַנדל ניט אַנטוויקלען. דער פּרוזבול האָט ניט אויסגעריסן דעם געזעץ נאָר אים אַרומגעגאַנגען, ווייל ער האָט געגעבן דעם געריכט דאָס רעכט אויפצומאָנען דעם חוב נאָך דעם שמיטה־יאָר, אָבער לאַנד־שמיטה איז ניט רעפאָרמירט געוואָרן.

געננג אָבער צו וויסן אַז אַזעלכע נאָבעלע געזעצן האָבן עקזיסטירט ביי יידן און זיינען געוועזן קאַרדינעלע יידישע אידעאַלן און זיי זיינען געוועזן דער פונדאַ־מענט פון דער יידישער פילאָזאָפישער וועלט־אנשויאונג.

דאָס געזעץ פון יובל האָט נאָך מער בולטער אַרויסגעבראַכט די הייך פון די יידישע סאָציאַלע געזעצן. אין ספר ויקרא, קאַפּ. כ״ה, ווערן די דינים פון יובל אַלזייטיק באַהאַנדלט. דער הויפּט פּרינציפּ פון יובל איז: „די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, ווארום צו מיר געהערט די ערד,״ ד.ה., די ערד איז גאָטס אייגנטום. דעריבער מעג דער אָרימער פויער, וואָס האָט פאַרקויפט זיין שטיקל פעלד אויס דחקות, דאָס אויסלייזן פון קויפער לויט די צאָל יאָרן וואָס זיינען פאַרבליבן ביז צום יובל־יאָר און דאָס רעשט באַצאָלט דער פויער צום קויפער און דאָס שטיקל ערד גייט צוריק צום פאַרקויפער.

ניט נאָר דער אָרימער פויער האָט דאָס רעכט אויסצולייזן זיין נחלה, נאָר אויך זיין קרוב האָט די זעלבע רעכט. אויב דאָס פעלד איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן ביז דעם יובל־יאָר האָט עס זיך אומגעקערט צום פאַרקויפער אומזיסט. דער צוועק פון געזעץ איז בולט: דער אָרימער פויער זאָל ניט אויף אייביק פאַר־לירן זיין נחלה און די ערד זאָל ניט קאָנצענטרירט ווערן אין די הענט פון רייכע פויערן.

די סאָציאַלע געזעצן האָבן אויך באַשיצט דעם אָרימען פויער ניט צו פאַר־לירן זיין הייזקע, ער זאָל האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאריבער, אויב אַ מאַן האָט פאַרקויפט זיין הויז אין אַ שטאָט מיט אַ מויער „זאָל זיין אויסלייז־רעכט זיין ביז עס ענדיקט זיך דאָס יאָר פון זיין פאַרקויפונג.״ אויב דאָס הויז איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן אין דעם ערשטן יאָר, זאָל עס בלייבן אויף אייביק ביי דעם קויפער. „אָבער די הייזער פון די דערפער, וואו די אָרימע פויערן האָבן גע־וואוינט, קאָן דער פאַרקויפער עס תמיד אויסלייזן פונקט ווי אַ פעלד, אויב ס׳איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן ביז צום יובל־יאָר, האָט זיך די הייזקע אומגעקערט צו די אייגנטימער אומזיסט.

ס׳איז ניט באַקאַנט צי די געזעצן זיינען אין לעבן שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. אַ סברא אַז ניט. אָבער דער אידעאַל צו באַשיצן דעם אָרימען פויער, אַז ער זאָל ניט באַרויבט ווערן פון זיין שטיקל פעלד און פון זיין הייזקע איז גרויס און הויך, אַז ער קאָן נאָך איצטער זיין אַ לייכט־טורעם פאַר דער מענטשהייט, ווייל זיי האָבן געשטרעבט צו באַשיצן די רעכט פון דעם געקריוודעטן, אונטערדריקטן,

דעם שוואַכן, דעם עקספּלאָטירטן, ווי למשל: דעם אָרימאַן, די באַשיצלאָזע אַלמנות און יתומים, דעם פרעמדן און דעם איינגעוואַנדערטן.

די יידישע אַרבעטער געזעצן האָבן תמיד געשטרעבט צו באַשיצן דעם עקספּלאָטירטן אַרבעטער פון זיינע כביכולדיקע ברויטגעבער. אָבער דאָס פאַר־לאַנגט אַ וויכטיקע און אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונג און מ׳טאָר דאָס ניט אָפּפטרן מיט איניקע געציילטע שורות.

די באַציאונגען צום פרעמדן פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ צווישן די יידישע סאָציאַלע געזעצן. אויך זיי פאָדערן אַן אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונג. גענוג דאָ צו דערמאָנען, אַז ניט נאָר האָט מען אים ניט געטאָרט קריוודען, אָדער גענאַרן, נאָר מ׳האָט אים געדאַרפט ליב האָבן אַזוי ווי אַן אייגענעם. דער געבאָט ווערט פיל מאָל איבערגעחזרט אין דער תורה: „ואהבתם את הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים״ (איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל איר זייט געווען פרעמדע אין לאַנד פון מצרים), איז דאָך אייך גוט באַקאַנט די ליידן פון דעם פרעמדן, ד. ה. וואָס איז דיר ניט ניחא, זאָלסטו ניט טאָן צו אַ צווייטן.

אין די שפּעטערדיקע דורות האָט דער תנא הלל אפשר אויף דעם פּרינציפּ געשאַפן דעם גרויסן כלל: „אַז דאָס וואָס איז דיר פאַרהאַסט זאָלסטו ניט טאָן אַ צווייטן. דאָס איז די גאַנצע תורה. די איבריקע דינים זיינען נאָר אַ פּירוש פון דעם כלל.״

אָבער אַבסטראַקטע ליבע צו אַ פרעמדן איז ניט גענוג, ווייל זי פאַרפליכטעט גאָר ניט. דעריבער ווערט אין דער תורה באַטאָנט אַז „איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם איינגעבאָרענעם און פאַר דעם פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף צווישן אייך.״ נאָר די קאָמבינאַציע פון ליבע און געזעץ זיינען אפשר ביכולת אָפּצוהיטן די גלייכע רעכט פון דעם פרעמדן.

מיר האָבן אין דעם קורצן אַרטיקל ניט באַהאַנדלט אַלזייטיק דעם כאַראַק־טער פון די יידישע סאָציאַלע געזעצן. מיר האָבן נאָר געוואָלט אָנרעגן דעם לייענער צו טראַכטן וועגן דער פראַגע, און דאָס איבריקע? ווי האָט געזאָגט דער תנא הלל צום פרעמדן, וואָס האָט געוואָלט לערנען די תורה, שטייענדיק אויף איין פוס: „דאָס איבריקע גיי לערן!״ („ואידך זיל גמור״).

אַבאָנימענט פאַרן „חשבון״:
$3.00 אַ יאָר

**ישראל עמיאַט / ראָטשעסטער, נ. י.**

# אַ תפילה ניינצן דריי און פערציק

ה. לאַנגן — אַ מתנה

גוטער גאָט, זע איך בין אָרעם און פאַל איבער זיך אַליין,
און מיין קינד טראָגט שיך דריי מאָל זיין מאָס
און שפּילט מיט קינדער זיך און פאַלט און לויפט צו מיר מיט געוויין,
ווי איך צו דיר מיט אַ פאַרוואָס און מיט פאַרדראָס.

איך ווייס, אין אַלע תפילות צו דיר טוט מען אָן דיך פון גאָלד קרוינען
און ווערטער צו דיר זיינען די שענסטע פון אַלע ווערטער,
דאָך באַליידיק נישט די תפילה פון אַ קינד, וואָס אַלץ וואָס עס וואָלט געוואָלט
איז אַן אייגן געלעגער און מוז שלאָפן אויף דער ערד דער פערטער.

דיין טאָג — דיין ליד — לייען איך יעדן טאָג און באַוואונדער,
באַוואונדער נאָך אַלץ די לעצטע סטראָף — דיין שקיעה,
נאָר ווען איך וויל נעמען לויבן דיך, פאַלן די הענט מיר אַרונטער.
אָ, שטראָף מיך נישט, דאָס העמד אויף מיר איז פרעמד און אויסגעליען.

מיין קלוגשאַפט ווייסט שוין אַז דער מענטש איז קליין,
אַז די ערד איז דאָס קלענסטע פון אַלע דיינע ערטער.
דאָך שטראָף מיך נישט און הער אויס דאָס געוויין
פון אַ קינד וואָס שלאָפט אויף דער ערד דער פערטער.

(קאַזאַכסטאַן, אין די מלחמה־יאָרן)

אַבאָנימענט: $3.00 אַ יאָר

ישעיהו שפּיגל / ישׂראל

# ביים טויער פון פאַרלאָשענע שטערן *)

... ווען די מומעביילע איז פאַרשוואונדן הינטער אונדז אין דער פינצטערניש האָט דער פּעטער כּיל זיך פּלוצעם צו מיר איינגעבויגן. ער האָט מיך גרינג אַ הויב-געטאָן צו זיך אין דער הויך מיט ביידע הענט און דערנאָך מיך פאַרוואָרפן איבער זיינע פּלייצעס. ער האָט מיך געהאַלטן בלויז ביי מיינע אויסגעשטרעקטע פינגער איבער זיין קאָפּ. מיר איז געווען ווי די הימל־לאָנקע האָט פון דער הויכקייט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידריק צו מיין פּנים. איך האָב געקענט אפילו איבערציילן אויבן די צעפלאַטערטע שטערן אינעם פינצטערן הימל־שטח.

דער פּעטער כּיל איז געגאַנגען איצט אַליין דורכן פעלד, בעת איך בין געלעגן אַ פאַרוואָרפענער איבער זיינע פּלייצעס. אַרום אונדז איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געקענט הערן דעם פּעטער כּילס שטיוול־שפּרייזן אינעם פייכטן פעלד־גראָז. זיין פּלייצע, וואו איך בין געלעגן, איז געווען וואַרעם און גאָרנישט קנאָכיק. איך האָב געשוועבט אין דער הויך איבער אים, בעת מיינע אויגן זיינען געווען אויפגעהויבן צו די וואַרעמע שטערן איבער מיר. קיינמאָל בין איך נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט צו די כּישופדיקע פייערלעך ווי איצט, בעת איך הענג אויף דעם קבצנס פּלייצעס. ווי גוט איז צו שווימען אין דער פינצטערניש, ווייט פון דער פייכטער, קאַלטער ערד און בלויז אַריינקוקן אינעם שיינעם גרינעם בלאַסק פון גאָטס שטערן. דאָרט, הינטער זיי, זיינען אַוודאי פאַרבאָרגן אַלע וועלטן פון די דערוואַקסענע, די שוין אַנטפּלעקטע און אויך די אויסבאַהאַלטענע, וואָס באַלייכטן די סודות פון זייער לעבן אויף דער ערד. צי וועל איך אויך אַמאָל פאַרשטיין וואָס אַזוינס ס'געשעט אַרום מיין ייִנגלשן, קוים צעבליטן גוף? צי איז אויך דאָרט אויבן שוין פאַרזיגלט, אין דער אייביקער הימל־לאָנקע, דאָס גרינע סודותדיקע פייער פון מיין לעבן?

ווי נאָר איך בין געבליבן ליגן פאַרוואָרפן איבער דער פּלייצע פון פּעטער כּיל, דעם קבצן, האָט זיין כאָרכלענדיקער ניגון אויפסניי אָנגעהויבן שוואַרץ צו פלאַטערן אונטער מיר. זיין אייגענער שאָטן איז געוואָרן איצט לענגער און פולער אויף דער ערד. ער איז געגאַנגען, דער פּעטער כּיל, אַזוי גרינג איבערן פעלד, אונטערברומענדיק אין דער פינצטער, ווי ער וואָלט אויף זיך לחלוטין נישט געטראָגן די מינסטע לאַסט. פון דער ווייטנס, איבערן פעלד, האָט פּלוצעם אַרויסגעטויכט דאָס רויטלעכע ליכט פון אַ הויכער עלעקטרישער סלופּ־לאָמפּ. צום דאָזיקן הויכן, רויטלעכן ליכט איז איצט געגאַנגען דער פּעטער כּיל, טראָגנדיק מיך אויף זיינע פּלייצעס, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ צענויפגעקנוילט זעקל מיט קאַרטאָפליעס.

---

*) אַ קאַפּיטל פון אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „שטיגן צום הימל“, וואָס דערשיינט בקרוב אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב. דער ראָמאַן איז פּרעמירט געוואָרן (אין מאַנוסקריפּט) פון קאַרל האָטמאַן סטיפּענדיע־פאָנד ביים ייִדישן פּען־קלוב, ניו־יאָרק.

אין מיין אָרעמער משפחה זיינען די מענטשן אַלע שוויגנדיקע, פאַרשעמטע און פאַרשלאָסענע: דער מקובל — דער זיידע שמואל פון די לענטשיצער וועלדער, וואָס האָט מיך געלערנט הערן די נאַכט-סאָלאָווייען, דער זיידע אַנטשל — דער תהילים־זאָגער פון מאָגעלניצע, וואָס שפילט ביינאַכט אויף דוד המלכס פידעלע, דיביידע באָבעס — איטע בינע און פערל דבורה, אַלע פעטערס און אויך אַלע מומעס. מן־הסתם קומט עס צו זיי פון די קליינע שטובן־קעמערלעך אין באַלוט, וואו זיי גייען אַלע אַרום דאָרט צוזאַמען מיט די ווילגאָטנע, צעבראָכענע ווענט־שאָטנס. אפשר שוויגן זיי גאָרנישט, נאָר זיי ריידן צווישן זיך מיט אַזעלכע רייד, וואָס נאָר די פלאַטשיקע, קרומע שאָטנס פאַרשטייען זיי. איך האָב נישט איין מאָל געזען ווי די שאָטנס ענטפערן זיי אָפּ פון די בלאָלעכע ווענט־פאַרטיפונגען, פון דער געבויגענער סטעליע און פון די צעשפּאָלטענע דילן מיטן זעלביקן פאַרשעמטן, קוים־פליסטערנדיקן שטום־לשון, בעת איך ווער איצט געטראָגן אויף די פלייצעס פון פעטער כיל און מיין פנים איז געווענדט אין דער הויך, צום געדיכטן שטערן־הימל — טראָגט זיך אויך שטומערהייט פון מיר אַ פרעמד, יונג קול אין תחנונים: אָ, גאָט פון מיין שטומער, ייִנגלשער וועלט, וואָס דו בליקסט צו מיר אַראָפּ פון די גרויסע, גרין־ליכטיקע שטערן אויף מיין וואַנדערונג אין פעלד — צי וועל איך אויך אין מיין וועלט זיין אייביק פאַרשעמט, פאַרשלאָסן און קיין מאָל ניט קענען עפענען די ליפּן פון פאַרשטומטקייט און פחד?

דער פעטער כיל איז געווען דער מיטלסטער זון פון זיידן אַנטשל פון מאָגעלניצע, אַ ברודער פון כאַסקעלען און פון פישלען און אויך פון מיין קראַנקער, שוויגנדיקער מאַמען — שרה-גיטל. אויך וועגן פעטער כיל האָט מען אין אונדזער שטוב קיין מאָל נישט גערעדט, גראָד ווי מען האָט נישט דערמאָנט נישט דעם פעטער פישל מיטן דאַרן מיידל און אויך נישט די מומע לאה, דעם שטרויס־פויגל. פאַר וואָס דעם פעטער כילס נאָמען איז קיין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער משפחה איז געווען מחמת דעם, וואָס ער האָט זינט זיין בחורישער דערוואַקסנקייט תמיד זיך מתעסק געווען מיט די באַלוטער הקדש־לייט, מיט קראַנקע און טויטע. לכתחילה, ווי נאָר פעטער כיל האָט אָנגעהויבן צו לייגן תפילין האָט ער שוין באַדינט די פאַליקע-לייט, אויך די קאַליקעס און חלאים פון באַלוטער הקדש, וואָס איז געשטאַנען הינטערן אַלטן בית־עולם. שפּעטער אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער הויכער חוהן, איז אים ווידער די קברנות־מלאכה צוגעקומען בירושה נאָכן שווער ר׳ פינחסל, וואָס איז געווען אַ בעל־מתעסק נאָך אויפן ערשטן יידישן בית־עולם אין באַלוט.

בעת דער פעטער כיל שפּרייזט איצט איבערן פעלד מיט מיר אויף זיינע אַקסלען — איז ער שוין לאַנגע צייטן אַ קברן. ער וואוינט מיט זיין הויזגעזינט, מיט דער מומע חוה און די קינדער, אינעם איין־גאָרנדיקן בנין אויפן שטח פון בית-עולם, וואו ס׳וואוינען אויך די אַנדערע בית־עולם לייט: די פאַרשטויבטע מצבה־שלעגער, די שוויגנדיקע מצבה־קריצערס; די בלאַסע תכריכים־נייערינס און קלאָג־ווייבער און אויך די רויטע, פריילעכע קברנים. אַלע וואוינען זיי אינעם איינגאָרנדיקן ציגל־רויטן בנין, נישט ווייט פון גרויסן, שוואַרצן טויער, וואָס איז תמיד אָפן און וואוהין דער פעטער כיל שפּרייזט איצט. הינטערן טויער, אויף דער צווייטער זייט, ליגט שוין דאָס גרויס-שטחימדיקע, הויך־באַוואַקסענע רייגע

פעלד, מיט די אומצאָליקע, פּלאַטשיקע, יידישע קברים, מיט די קרום־געפאַלענע מצבות און אויך רויט־שינדלדיקע נידריקע אוהלס, וואו ס׳רוען די ביינער פון די הייליקע.

דער פעטער כיל איז געבליבן שטיין, אַלץ נאָך מיט מיר אויף זיינע פּלייצעס, לעבן הויכן, שוואַרצן בית־עולם טויער. דאָס טויער, אַביסל אויפגעלענט, האָט געהאַט צוויי באַזונדערע טיילן מיט שפּיציק־אויפגעהויבענע שטאַכעטן און געדרייטע קראַטעס, וואָס האָבן אין מיינע יינגלשע אויגן אויסגעזען ווי צעבראָכענע, אומצאָליקע, שוואַרצע פליגל. אין דער געדיכטער נאַכט-פינצטערניש, באַוואָרפן בלויז מיטן רויטלעכן שימער פון עלעקטרישן ליכט־לאָמפּ הינטער אונדז, האָט דאָס הויכע טויער געבלאַנקט אַנטקעגן אונדז מיט זיין פרעמדער, אימהדיקער שוואַרצקייט. פון פעטער כילס פּלייצע האָב אידנאָאַכמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך, כדי צו זען די שטערן־לאָנקע איבערן אָפענעם טויער. איך האָב אָבער דאָרט, אין די הימליש ווייטקייטן, נישט געזען דאָס מינדסטע ליכט. מיר איז געווען ווי דאָס טויער גרייכט מיט זיין שפּיציקע קראַטעס ביז צו דער סאַמע הימל־שוואַרצקייט. אפשר איז עס געווען מחמת דעם רויטלעכן ליכט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעשניטן הינטער אונדז, און אפשר מחמת גאָר עפּעס אַנדערש. דער פעטער כיל האָט מיך זייער פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט פון זיינע אַקסלען און מיך געשטעלט לעבן זיך ביי די פיס. אַראָפּבויגנדיק גאָר נאָענט זיין פּנים צו מיר האָט ער געפּליסטערט:

— אָט איז שוין דאָס טויער... זעסט דאָס הויכע טויער?... יעדער מענטש מוז אַדורכגיין דאָס הויכע טויער... יעדער מענטש... יעצט ׳על מיר גיין אַביסל צופיס. ווילסט? נאָך אַ פּאָר שריט... האָסט כוח צוצוגיין צופוס, אָדער זאָל איך דיך ווידער נעמען אויף די אַקסלען?...

איך האָב נישט געוואוסט וואָס אַזוינס אָפּצוענטפערן דעם פעטער כיל. אפשר זאָל ער מיך אויפסניי טראָגן אויף די פּלייצעס, כדי איך זאָל קענען זען די אָנגעצונדענע שטערן־לאָנקע איבער מיר? און אפשר זאָל איך גאָר גיין צופוס ביז צו דעם ליכטיקן הויז הינטער אונדז? איך בין געשטאַנען אַווילע פאַרקויקט אינעם פאַרשאָטנטן פּנים פון איינגעבויגענעם פעטער כיל, בעת ער האָט אַלץ געוואַרט פון מיר אַן ענטפער. מיין צונג איז געווען שווער, אין די אויערן האָט גערוישט דער שוואַרצער נאַכט־ווינט פון יענער זייט טויער. ווידער האָט דאָ אַ דערוואַקסענער מענטש, דאָס מאָל דער פעטער כיל, דער קברן, געעפנט פאַר מיין דערשראָקענער, יינגלשער וועלט אַ סודותדיקן טראַקט. אויפסניי האָט ער מיך געלאָזט אַליין, בלויז מיטן ווינט, מיט די שווערבנדיקע וואָלקנס און מיט די שוואַרץ־פאַרלאָשענע הימלען. וואָס מיינען זיינע הייזעריקע ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געלאָזט פאַלן אויף מיין פּנים? יעדער מענטש מוז אַדורכגיין דאָס הויכע טויער... פאַרוואָס מוזן אַלע אַדורכגיין דאָס הויכע טויער? און וואוהין גייען אַלע ווען זיי גייען אַדורך דאָס טויער מיט די אויפגעהויבענע, שפּיציקע קראַטן? פאַרוואָס איז אַזוי פינצטער דער הימל אויף יענער זייט טויער?

דער פעטער כיל האָט זיך געהאַט איינגעבויגן אַזוי נידעריק איבער מיין פּנים, אַז זיינע באָרד־שפּיצן האָבן אפילו אָנגערירט מיין שטערן. די באָרד־שפּיצן האָבן געהאַט אַ קאַלטע און רויע געזאַלצנקייט. ער האָט נאָכאַמאָל גערעדט

צו מיר וועגן היוכן טויער, וואָס אַלע מענטשן מוזן אַדורכגיין... זיין קול איז מער נישט געווען אַזוי הייזעריקלעך ווי פריער. זיין קול האָט געהאַט דאָס נאָענטע ווידערקול פון מיין מאַמעס קליינע, פאַרשעמטע האַלבע ווערטער. אויך דער געזאַלצענער הויך פון זיין שטאַרק־באַבערדיקט מויל האָט שוין געהאַט אַ גוטע וואַרעמקייט, בלויז זיינע באָרד־שפּיצן זיינען נאָך געלעגן איבער מיינע באַקן מיט אַ קאַלטער, שלעכטער געזאַלצנקייט. פון פּעטער כילס פאַרבאָרגן מויל האָט איצט גערעדט צו מיר דאָס גוטע, וואַרעמע קול פון דער מאַמען. דאָ, לעבן היוכן שוואַרצן טויער האָב איך דערזען פלוצעם איר פּנים. די האָר, פאַרבונדענע מיט אַ ווייס טיכל, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער באָרד פונעם קברן. איך האָב שוין נישט געוואוסט ווער עס שטייט לעבן מיר אין דער פינצטער. בעת דעם פּעטער כילס פּנים האָט זיך אויפגעהויבן איבער מיר — איז אויך פאַרשוואונדן דאָס גוטע, שטומע פּנים פון מיין מאַמען. זי איז געגאַנגען גלייך צום אָפענעם טויער, דאָרט וואו מען זעט גאָרנישט. זי האָט געפירט אונטערן אָרעם אַלטעלען. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער מאַמען. געוואָלט רופן אַלטעלען. דער פּעטער כיל האָט מיין קאָפּ־תנועה אַנגענומען פאַר גאָר עפּעס אַנדערש, וואָרעם ער האָט שוין אויפסניי צו מיר גערעדט אַ פאַרבויגענער איבער מיין פּנים:

—'עסט נישט האָבן קיין כוח?... נו, 'על איך דיך נעמען ווידער אויף די פּלייצעס... זעסט דאָרט די פענצטער? ס'איז ליכטיק... די מומע חוה וואַרט שוין אויף אונז ...

אויף אַ ניט־ווייטן מרחק פון דאַנען האָב איך טאַקע דערזען אַ סך פענצטער, וואו ס'איז געווען שטאַרק ליכטיק. דאָ אַהער, צום אָפענעם, שוואַרצן טויער, איז די ליכטיקייט נישט אָנגעקומען. פון ווייטנס האָט מען נישט געזען דאָס הויז אין דער פינצטער, נאָר בלויז דאָס פענצטער־ליכט אויף די העל־באַלויכטענע, הילצערנע פענצטער־פראַמוגעס. זיי, די פענצטער־פראַמוגעס האָבן אויסגעזען ווי אַריינגעשטעלטע גרויסע צלמים. ווי קומען דאָ אַהער אין דער פינצטער די באַלויכטענע צלמים? איך בין שוין ווידער געזעסן אויפן קברנס פּלייצע. דאָס מאָל בלויז אויף זיין לינקן אַקסל. דעם פּעטער כילס שטיוול האָבן איצט גע־שפּרייזט גלייך צו די באַלויכטענע צלמים, וואָס האָבן מיך זייער געשראָקן. אפשר זיינען עס די צלמים פון גויאישן צמענטאַר? האָט דאָך די מומע ביילע געזאָגט, אַז נישט ווייט פון דאַנען זיינען זייערע פעלדער פאַר די טויטע... אָ, יינגלשער גורל מיינער, פאַרוואָס זעען מיינע באַטריבטע אויגן אַלץ אַרום מיר אַזוי אויס־טערליש און אַנדערש? פאַרוואָס שעם איך זיך איצט צו זאָגן דעם פּעטער כיל וועגן די צלמים אין די פענצטער, וועגן דער מאַמען און וועגן אַלטעלען, וואָס איז נאָר וואָס געגאַנגען גלייך צום אָפענעם טויער? ווער האָט אַוועקגעשטעלט גראָד אַנטקעגן דעם היוכן, שוואַרצן טויער די באַלויכטענע צלמים אין די פענצטער?

דעם פּעטער כילס שפּרייזן מיט מיר אויף זיין לינקן אַקסל דויערט נישט לאַנג. הינטער אונדז איז געבליבן פאַרהילט מיט נאַכט דאָס אָפענע טויער פון די שפּיציקע קראַטעס. הויך איבער מיר פינקלען שוין ווידער איינצלנע שטערן. וואָס מער מיר קומען נאָענט צום באַלויכטענעם הויז, אַלץ מער פאַרשווינדן די שטערן. דאָס הויכע טויער היט זיי. איך הער דעם ווינט, וואָס קומט פון דאָרט. ער איז קיל, שוואַרץ און פאַרשעמט. אַ קליינער שטערן פאַלט אַראָפּ אין דער

פּינצטער איבערן טויער. ער איז געבליבן ליגן לעבן דעם מויער. ער פּינקלט פון דאָרט אַרויס ווי אַ גלי־וואָרעם. אַלע שטערן זיינען אַוודאי אַזעלכע קליינע גלי־ווערעם און אַלע פאַלן זיי אַראָפּ לעבן אָפענעם שוואַרצן טויער. אַנטקעגן אונדז, הינטערן ליכט פון די פענצטער, טראָגן זיך שוין אַרויס אומצאָליקע קולות. מיר שטייען ביידע אונטער די צלמים. דער פעטער כיל ציט מיך אַראָפּ פונעם אַקסל. ער שטעלט מיך אַוועק אויף דער ערד, וואָס איז אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט ליכט. ביידע זיינען מיר אַרומגענומען פון ליכטיקייט ווי מיט אַ גילדערנער רייף, וואָס צעפאַלט זיך באַלד אַרום אונדז ווי די שערבלעך פון אַ סך ווייסע טעלער.

דעם פעטער כילס קבֿרנישע וואַרעמע האַנט פירט מיך שוין מיט די שטיגן אַרויף צו זיין שטוב. פון דאַנען איז געפאַלן אין דרויסן די פענצטער־ליכטיקייט. אַ ברייטע טיר פראַלט זיך אויף. אַ נייע ליכט־כוואַליע פאַרשווענקט אונדז ביידן און אויך דאָס קליינע פינצטערע פרוזדורל לעבן דער טיר.

פּינטשע בערמאַן / וועגן נאַיס

# וואו נעמט מען?

(דעם אָנדענק פון יצחק פרידלאַנד)

כ'האָב געפיינט אין דעם נעכטן,<br>איך פיין אויך אין היינט,<br>און כ'וויים ניט וואָס מאָרגן וועט זיין...<br>כ'בין מיד פון געפעכטן,<br>פון חושך, פון פיינט —<br>וואו נעמט מען אַביסעלע שיין ?...

ס'איז פרעמד מיר געלעכטער,<br>ס'איז פרעמד מיר דער קלאַנג<br>פון נביאישע טרייסטפולע רייד...<br>עס דרימלט דער וועכטער,<br>עס שטומט זיין געזאַנג —<br>וואו נעמט מען אַביסעלע פרייד?...

איך וואָגל אָן אויפהער,<br>איך וואַנדער אָן ענד,<br>עס ציט מיך אַ קראַפט ערגעץ־וואו...<br>עס רופט מיך אַ „שופר",<br>עס אָקט מיך אַ בלענד —<br>וואו נעמט מען אַביסעלע רו ?...

ז. בונין

# חכמה און מעשים

## (פריי נאָך פּרקי אָבות)

אין אנדענק פון יצחק פרידלאַנד

דער, וועמעס חכמה
שטייגט די מעשים זיינע איבער,
צו וואָס איז ער געגליכן דעריבער?
— צו אַ בוים מיט גרינע בלעטער,
צווייגן שיינע,
נאָר די וואָרצלען זיינע
ניט קיין טיפע,
ווי זיי וואָלטן אויפן אויבערפלאַך געלעגן,
און קאָן דערימעך אוימגעוואָרפן ווערן
אין אַ שטורעם און שלאַקס־רעגן.

* * *

און דער וועמעס מעשים זיינען
פון זיין חכמה גרעסער,
צו וואָס וואָלט זיין פאַרגליין געווען בעסער?
— צו אַ בוים מיט גרינע בלעטער,
זיינע צווייגן
זיינען דאַכט זיך קליין,
און אפשר פאַרן אויגן ניט איבריק שיין.
דערפאַר — די וואָרצלען זיינע
פאַרפלאָכטן און פאַראַנקערט
טיף אין באָדן,
אַז דער שטאַרקסטער שטורעם
ניט רירן וועט פון אָרט אים,
אים ניט טאָן קיין שאָדן.

* * *

און דער, וואָס זיינע מעשים און זיין חכמה
זיינען גלייך אויף גלייך —
צו וואָס איז ער געגליכן ?
— צו אַ בוים פאַרפלאַנצט ביים טייך
מיט פרוכט באַלאָדן און געראָטן.
דער וועג צו אים
וועט שטענדיק זיין באַטראָטן.

ה. לאַנג / בעווערלי הילס

# לאָס אַנגעלעס — פּאָרטרעט פון „גלות אַמעריקע"

לאָס אַנגעלעס, איך האָב דיך ליב, און איך האָב פאַר דיר מורא...

שוין פופצן יאָר וואָס איך בין אַ תושב אין דיינע גרעניצן נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט ביים אַטלאַנטיק.

פריער פלעג איך דערגיין צו דיינע טויערן און באַלד אָפּטרעטן.

ס'האָט מיר געהאַט אויסגעוויזן, אַז אויף דיר רוט די קללה'דיקע נביאות פון מיין דעמאָלט באַליבסטן אַמעריקע'ס שריפטשטעלער ביים פּאַסיפיק דזשעק לאָנדאָן.

די נביאות, אַז דו, וואָס דיין נאָמען באַדייט „די שטאָט פון מלאכים", וועסט פאַרבלייבן אַן אייביקער פּראָווינץ־ישוב פון אויסגעבלייכטע פאַרעלטערטע מעק־סיקאַניש־מיסיאָנערישע מאַנאַשקעס, מחמת צופיל זינד אין דער יוגנט...

פאַר מיין געמיט האָט עס געקענט נאָר מיינען — „ניט קיין עיר ואם בישראל."

ניט קיין ווילנע, ניט קיין קאָוונע...

אָבער אַ וועלכע פופצן יאָר צוריק איז מיר אַקעגנגעקומען ווי אַן אַנטפּלעק־קונג, וואָס האָט אין מיר אַריינגעכישופט ליבשאַפט צו דיר.

איך האָב דערזען אויף דיינע באַפלאַנצטע גאַסן און רחבותדיקע בולוואַרן אַנגעשטראָמטע יונג־יידישע דורות פון אַלע קאַנטן אין לאַנד.

ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן און דעטראָיט, ניו הייווען און סעינט לואיס, שטעט אין ניו־ענגלאַנד און מיטל־וועסט, זיינען געהאַט געוואָרן פאַר זיי צו אַלט מיט איינגעגליווערטע טראַדיציעס אויף אַלע לעבנס־פעלדער, בעת לאָס אַנגע־לעס, זיד־קאַליפאָרניע, האָט זיי אויסגעקוקט פריש, יונג, ניי, מיט צאַפּלדיק ענערגיע ווי זיי אַליין.

ס'האָט אין מיר אַ זונג־געטאָן: „נצח ישראל לא ישקר"...

אקאָרשט איז געהאַט אָפּגעלאָפן אַזאַ יאָמערלעכער חורבן. אַ דריטל פון אונדזער פאָלק צעשאָכטן. יידיש קולטור דורכגעוויקט אין בלוט און פאַרברענט. ניטאָ מער קיין איין קהילה קדושה אויפן גאַנצן שטח וואו דאָס יידישע הויז איז געשטאַנען טויזנט יאָר. און אונטער די הימלען איבער צוויי ניי־אויסגעטרוימטע ישובים — תל־אביב ביים מיטלענדישן ים און לאָס אַנגעלעס ביים פּאַסיפיק — זאַמלען זיך יונג־בייע יידישע דורות, און ווידער וועלן מיר זיין עם־עולם, אייביק וועלט־פאָלק.

נו, איז קום אַוועק אַ דור, און וואָס הער איך, און וואָס באַווייזט זיך?

אַ וויסטער קול שאַלט מיט אָנזאָג, וואָס וואַרפט אָן פּחד.

דו, מיין אויסגעווײלטע היים, לאָס אַנגעלעס, שטייגסט גאָר אויף ווי אַ סימ־באָל פון „גלות־אַמעריקע"??...

ביזט שוין אַליין טאַקע אַ פולער פּאָרטרעט פון „גלות אמעריקע"? — — —

נאָר „גלות־אַמעריקע", וואָס איז דער באַדייט?

**
*

אין מיינע זשורנאַליסטישע זכרונות פון באַלד אַ פערציק יאָר צוריק (1928) שטייט פאַרצייכנט אַ טאָג מיט ש מ ע ו ן ד ו ב נ אָ ו ו אין זיין בערלינער היים.

דער אַל־אומפאַסנדער יידישער היסטאָריקער, און פאַרטיפט יידישער קולטור־טרוימער וואָס ער איז געווען, האָט דעמאָלט געהאַט אָנגעהויבן אויפֿ־קלייבן מאַטעריאַל פאַר אַ נייער, גרויסער ליטעראַרישער אַרבעט, שוין מיט אַ ציל געווענדט צו יידישער פאָלקישקייט און יידישער קולטור־שעפערישקייט אין אַמעריקע׳ס פרייהייטן. און אין זיבעץ זיינען אים ניט געווען דווקא בענדער אַמעריקאַניש־יידישע געשיכטע.

איך בין געקומען צו אים מיט אַ בריוו פון אב. קאַהאַן. דער „פאָרווערטס“־רעדאַקטאָר האָט דעמאָלט געקליבן זיך פאַרזעצן זיינע ביכער „בלעטער פון מיין לעבן“, אין וועלכע דער היסטאָריקער דובנאָוו האָט געהאַט געזען פון דער ווייטנס דאָס פולע פנים פון די אַנטוויקלונגען פון דער יידישער אימיגראַציע אין איר אַמעריקאַנער קולטור־סביבה: פאַרהאָרעוועטע באַלמעלאָכעס און מאַמעס ביי פעדלער־וועגעלעך מיט קינדער אין די קאָלעדזשעס ביי מעדיצין, ביי פילאָזאָפיע, ביי יוריספּרודענץ. געברענגט מיך צום היסטאָריקער׳ס היים האָט דער פובלי־ציסט ביי יידיש סאָציאָלאָגיש-עטנאָגראַפישער פאָרשונג אין בערלין, י ע ק ב ל ע ש צ י נ ס ק י. די דובנאָוו־היים האָט געהאַט פאַר געסט זעלטענע וואַרעמ־קייט. איך לאָז דאָ אויס אַ וועלכע שילדערונג פון דערהייבענע פערזענלעכע מאָמענטן. באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטער אַמעריקאַנער גאַסט, י ע ק ב מ י ל ך, מיט שרייבערישער פראָמינענץ ביים יידישן מאָראַל־סאָציאַליזם. אים האָט באַגלייט צו דער דובנאָוו־היים דער פּאָעט ד נ י א ל ט ש אַ ר נ י. ביידע, לעשצינסקי און טשאַרני, פלעגן כסדר צושטעלן דעם היסטאָריקער וויכטיקע אויסשניטן פון אַמעריקע׳ס יידישן זשורנאַליזם, וואָס קענען אים זיין אַ נוצן. דורך די געסט האָט אויף אַ גאַנצן טאָג איינגעשטעלט זיך אין דער דובנאָוו־היים אַ סאָרט סעמינאַר וועגן די שאַרפע אונטערשיידן ביי יידישע קולטור־פּראָבלעמען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע.

ס׳איז דעמאָלט געהאַט אַריבער אַ צענדליק יאָר זינט דעם ווערסאַילער פרידן מיטן אויפקום פון נייע מלוכות אין מזרח-אייראָפּע (פוילן, ליטע, לעטלאַנד). די ליכטיקייט פאַר יידן, וואָס האָט געהאַט אַ שיין־געטאָן דורך גאַראַנטירטע מינאָריטעט־רעכט אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, האָט שוין גע־האַלטן ביים פאַרלאָשן ווערן. די מלוכות זיינען ניט געווען ערלעך אין דער זאַך. און ביי די יידן אַליין איז געהאַט באַלד אָנגעשטאַנען אַ ביטערע שפּראַך־מחלוקה, דערביי פאַרשאַרפטער קריג איבער קולטור־אינהאַלט: וויפיל רעליגיע, וויפיל טראַדיציע און פאָלקלאָר, און וויפיל וועלטלעכקייט.

שמעון דובנאָוו האָט וועגן דעם אַלעמען גערעדט מיט ווייטיק. אויטאָנאָמיע דורך יידישע קהילות, באַשיצט פון געזעץ פון מלוכות אין דעמאָקראַטיע, איז דאָך געהאַט געווען פון זיינע גייסטיקע קינדער אין סטיל פון אַלע זיינע מחשבות ביים פאָרשן און שרייבן די דורותדיקע געשיכטע פון יידישן פאָלק.

יאָ, רייד אין ווייטיק, אָבער ניט פעסימיזם.

געווען אפילו אַפּשטראַל פון שמייכל: צי מ'קען חלומען פון אָרגאַניזירטער יידישער קולטור-אויטאָנאָמיע אין אַמעריקע'ס פרייער דעמאָקראַטיע, וואָס אַלץ איז איינגעשטעלט דורך וואָלונטאַריזם; און צי ער, דובנאָוו אַליין, דאַרף נעמען ערנסט זיין שלאָגן זיך מיט דער דעה וועגן יאָ, אָדער ניט, באַזעצן זיך, פאַר אַ געוויסער צייט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו שטודירן אַמעריקע'ס יידנטום פון דער נאָענט.

אין אָט-די רייד איז אַריינגעקומען „גלות-אַמעריקע". די צוויי אַמעריקאַנער געסט האָבן זיך איבערגעקוקט, דעריין איז געווען באַוואונדער פאַר שמעון דובנאָוו'ס כוח צו אורטיילן אַמעריקע פון דער ווייטנס.

דער היסטאָריקער האָט געפּרוּווט טרעפן.

אַמעריקע איז דאָך אַזוי רייך מיט בערג און וואַסערן, וועלדער און ים-ברעגן, און מיט באַפלאַנצטע לייזיקע ערטער פאַר נייע ישובים, באַזונדערס אין דער וועלט, קען דער דריטער דור פון דער יידישער אימיגראַציע, שוין אַמעריקאַניש אין לשון און קולטור, און אינטימען געמיט, אָפּוואַרפן זיך פון קוואַל מיט אָנדענק פון די זיידעס אין די שטעט ביים אַטלאַנטיק, און פאַרנעמען זיך מיט זיינע טאַלאַנטן, השגות און וויסנשאַפטן, צום פאַסיפיק. ער וועט דאַרטן זיין אַ מיט-שותף ביים אויפריכטן נייע ווירטשאַפטן, דערגרייכן רייכטום, גאַרנישט וועט אים זיין פרעמד, און ער וועט ניט זיין פרעמד צו קיינעם. אָבער אונדזער אַלט-יידישע געשיכטע וועט אים ערשט דעמאָלט געפינען ווי אַ דור אין גלות — אַ ניי נוסח-גלות. . .

„גלות-אַמעריקע". . .

אַ גלות אָן דער שכינה . . .

און אַ גלות אָן וואַרטן אויף משיח. . .

אַזוי האָט ער גערעדט, דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. און איצט, באַלד פערציק יאָר שפּעטער, זע איך דורך דיר, מיין אויסגעוויילטע היים, לאָס אַנגעלעס, אַז דער היסטאָריקער האָט בפירוש געטראָפן.

עס איז אָבער פיל מער.

***

אָן „שכינתא בגלותא", וואָס איז ממילא אויך אָן אויסקוק אויף גאולה — אחד־העם האָט עס אָנגערופן: „עבדות בתוך חרות." חיים וויצמאַן האָט עס אַ נאָמען-געגעבן: „לײדיס ענד דזשענטלמען אָוו דהי גילדעד געטאָ." און דובנאָוו האָט עס פאַרצייכנט: „קנעכשאַפט אין רעוואָלוציע"— וואָרים, ער איז געשטאַנען אין די שטורעמס, און געזען ווי דור נאָך דור אונדזעריקע טראָגן הילף דער רעוואָלוציע אויף פאַנאַנדערוואַרפן אונדזער טויזנט-יאָריק „שטעטל", פונדאַמענט פון אונדזער אייגנאַרט.

נו, דאָס שטעטל איז צעוואָרפן— און דאָך לעבט עס. ס'האָט אפילו דער-וואָרבן זיך אָן ערן־אָרט אין דער סאָציאַלער און בעלעטריסטישער וועלט-ליטע-ראַטור. ס'האָט ניט קיין באַשטימטן אַדרעס, שוועבט עס אַרום ווי פון ערגעץ אַ ניגון, ממש אַ פּאָעטישער אָדער מיסטישער צויבער.

זאָגט מען „שטעטל“, מיינט מען וואָס אין ביטערער אָרעמקייט און איינגע־שראַקנקייט האָבן „שטעטל“־יידן אָנגעהאַלטן טויזנט יאָר אַ סדר פון קולטור־אויטאָנאָמיע, און געשאַפן גייסטיקע עשירותן דורך די צוויי יידישע לשונות, העברייאיש און יידיש אינאיינעם. און זאָגט מען „שטעטל“, מיינט מען וואָס צומאָל דווקא מיטן לשון יידיש אַליין האָבן פּאַרפּרומטע מענטשן אין רחמים, אין חסד, אין צדק אין עטישע פּרינציפּן, אין מאָראַלישער אַחדות, אין פּאָלגן דעת־הקהל, אין תפילה־טאָן פאַר כל־העמים, און איבער אַלץ אין לומדות און תורה.

און גאַנץ און גאָר גערעכט איז דאָך דער דענקער־עסייאיסט, אַ ב ר ה ם ג אָ ל אָ מ ב, אין די ווערק זיינע מיט אַנאַליזן פון „שטעטל און וועלט“, וואָס דערמיט צילט ער אַרויסרופן האָפענונג אויף באַני־יטער קולטור אויטאָנאָמיע דווקא דורך די וואָלונטאַרע געמיינדעס אין אַמעריקע'ס יידישער פרייהייט. וועסטו, שטאָט מיינע, לאָס אַנגעלעס, מיטשפּילן אין דער האָפענונג?

זע, ווי דו קוקסט אויס איצט?

פיל הונדערטער פּראָפעסאָרן ביי אַלע ווייסנשאַפטן, אַלטע און נייע, און ביי אַלע פילאָזאָפישע, און ביי ליטעראַטור און ביי די קונסטן, ביי יעטווידער אַקאַדעמיע, וואָס אין איר דאַרף גילטן הויכער גייסט, זיינען קינדער פון אַברהם אָבינו. און ניטאָ די יידישע שטוב אָן זין און טעכטער לערנער. און דו האָסט אָן אייגן אוניווערזיטעט און אָן אייגן קאָלעדזש פאַר אייגענער תורה. און ביי די רעדאַקטאָר־טישן אין אַלע אָפּטיילן פון די גרויסע שטאָט־צייטונגען, ביי וועלכע עס פּאָדערט זיך הויכע אינטעליגענץ, זיצן אייניקלעך פון עזרא און נחמיה. און אויף די יערלעכע לאַנגע־לאַנגע ליסטעס מיט די נעמען פון אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס און געשעפט־פירמעס, וואָס טיילן אויס סטיפּענדיעס צו סטודענטן, שטייען יידן אויבן־אָן (עס איז אַ סאָרט געבן אַ לערנער „עסן־טעג“). און עס קומען צו־גאַסט ביי דיר אנשי־רוח, שריפטשטעלער און לעקטאָרן פון גאָר דער וועלט, און דו גייסט זיי אָקעגן מיט אַ האַרץ פול מיט אַכטונג און ליבשאַפט. און מיט דעם אַלעמען קענסטו ווערן אָנגערופן שטאָט פון לומדות?

דו ביזט דאָך שוין אַ שטאָט מיט יידן אָן יידישע אותיות...

אויף דיינע רחבותדיקע בולוואַרן, לאָס אַנגעלעס, קומען אָקעגן גרויסע אַפישן אויף הויכע ווענט, הויך און העכער, געשטרעקט צום הימל, מיט גרויסע ווערטער: מ'זאָל געבן צדקה צום יונייטעד דזשואיש אַפּיל. און ביינאַכט שטייען זיי באַלויכטן פון גרויסע לאָמפּן. שמייכל איך תמיד: גוט אַזוי; מען פּאָלגט ניט דעם זאָג פון דער אַמאָליקער השכלה: „זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אויף דער גאַס“... אָבער באַלד ווערט אומעטיק. עס איז ביי דיר פּאַרקערט, מיין לאָס אַנגעלעס. אַ ייד אויפן גאַס א י ז מ ע ן; אָבער אין שטוב?..

און מיט די יונגע יידישע דורות ביי דיר דאַרפסטו דאָך זיין די לאַבאָראַטאָריע פון צוקונפטיקן יידנטום אין אַמעריקע.—

איך האָב דיך ליב סיי־ווי, לאָס אַנגעלעס, אָבער איך האָב אויך מורא...

# אייגנס פון דער פרעמד*

קאַרל שאַפּיראָ **)

## פון „אָדם און חוה"

יידיש: מלכה חפץ טוזמאַן

### אָדמ׳ס מחלה

פון אָנהייב, מיט יעדן טראָט, ווי בחוש האָט ער
צו מזרח זיך געקערט צו לויבן דעם סדר פון זאַכן.
איצט, מיט יעדער סטעזשקעלע באַקאַנט האָט ער פאַרלוירן
דעם קוק געהייבענעם צו הייבן —
כמעט אַ בלומען־קוק פון אַ טעמפּל־טענצער.

ער האָט פאַמעלעכקע גענומען גיין ווי איינער
וואָס איז געוואוינט צו זיין אַליין.
ער האָט געבלאָנדזשעט אין אַ פעלד פון רייד;
טראַכטן — איז איצט אַ גן אַן אייגענער געוואָרן פול מיט נייע זאַכן:
ווערטער קיינמאָל פריער ניט אַרויסגערעדטע,
חיות—פריער קיינמאָל ניט געזען און האָט געוואוסט זיי זיינען ניט פאַראַן
אין דעם אמתדיקן גן;
פּחדים, און טרערן זיינע פאַרגאָסן אונטער אַ בוים
איבער עפּעס אַ נייער מחשבה,
און דער ערשטער כּעס.

איינמאָל האָט ער אַ שטאָק געטאָן אַ וואָרף
אויף שטיל־פאָרנדיקע שאָף און געטראָפן אין דעם זכר.
ס׳האָט זיך פון דער זי אַוועקגעריסן.
און גאָט האָט געהערט ווי אָדם לאַכט
און איבער דעם דעם שעפּסל הינקענדיק געמאַכט.

און וואַנדערלוסט:
ער איז געשטאַנען אויף דער וואַנט אויסצושפּירן
לענדער ניט פאַרענדיקטע, אויסגעשפּרייטע ווייט און וויסט,

---

*) אונטער דעם רובריק, „אייגנס פון דער פרעמד", האָפן מיר צו ברענגען מוסטערן פון אונדזער אייגנס, אונדזערע זין און טעכטער, וואָס שאַפן אין אַנדערע לשונות. (רעדאַקציע)

וואו קיין לעבעדיקע זאַך איז ניט אַרומגעקראָכן,
און אָט איז ער אַרונטער ווי וועלנדיק זיך אויסבאַהאַלטן.
זיין טראַכטן האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם שומר ביי דעם טויער
צו וועמען מענטש האָט זיך געווענדט: „בין איך אין עפּעס אַ סכנה?״
און דער מלאך, מיט שווער געמיט, האָט וויזט אויס
פיינט געהאַט די פליגללאָזע זאַך וואָס ציט זיך רק צו זינד,
ווייל ס׳האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר וואונדערלעך
אַ שפּרייט געטאָן די פליגל און איבער קאָפּ זיך
אַ שימערירנדיקן האַלבּרונד אויסגעוועלבט,
וואָס געווען איז דאָס אוודאי דער אָנזאָג פון דער וועלט,
אַז דער ערשטער זמן פון אונדזער לעבן איז טויט.

אָדם איז אַנידערגעפאַלן מיט ווייטיק אין די ביינער
און גאָט האָט זיך געווענדט צו אים אין קילקייט פונעם טאָג
און האָט געזאָגט:
„די קרענק אין דיין סקעלעט רופט זיך „בענקשאַפט״.
איך וועל דאָס אַרויסציען פון דיין געביין.״
און נאָך האָט ער געזאָגט: „איך האָב דיך אָנגערעדט
אַ זעץ צו טאָן דעם שעפס.״
ס׳האָט אָנגעהייבן רעגענען און גאָט האָט זיך אַוועקגעזעצט
לעם זינקענדיקן מענטש.
ווען ער געווען איז שוין אין טיפן שלאָף האָט ער
זיין רעכטע האַנט אַריינגעשאַרפט טיף אין אָדמס זייט
און האָט דעם שיינעם ריפּ אַרויסגעצויגן פון זיין ברוסט.

אין־דער־ווייט האָבן ריטשקעלעך פאַרבאָרגענע געגומען פליסן,
אַרויסגעפלויגן זיינען פייגל פון גן־עדן צו נעסטן אויף דער ערד.
נאָכגעקוקט האָט זיי דער מלאך מיט באַדויער.

## דערקענענדיק חוהן

וואָס ס׳זאָל ניט האָבן געווען
מיט וואָס זי האָט זיך מוראדיק אַזוי געראַנגלט
איז צוריק צום הימל אָפּגעפלויגן.
נאָר זי׳ז נאָך אַלץ געלעגן מיט אָרעמס אויסגעשפּרייט
דערוואָרטנדיק אַן אָנגריף, אַרויפגעקוקט
דורך צווייגן פון דעם בוים — דעם פייגנבוים.
נאָכדעם האָט זי אַ צי געטאָן אַן אָטעם אַ פאַרשווידערטן
און פון זיך אַליין
האָט איר קאָפּ צו זיין זייט זיך געטאָן אַ קער.
(זי האָט זיך געראַנגלט מיט געבורט
ווי שטאַרבנדיקע ראַנגלען זיך מיט טויט.)

איר זיפּץ האָט פון זיין שלאָף אים אויפגעוועקט.
ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען
אַ קערפּער—אָנגעשוואָלן ווי פון פרוכטן אויסגעפורעמט,
ווייס ווי פלייש פון פיש, ווייך און רוי.
ער האָט געמיינט ס׳איז נאָך איינער פון יענע חיה-ברוטן,
איז ער צוגעקראָכן און פאַרקוקט איר אין די אויגן —
די ברונעמס מענטשלעכע וואָס קוואַלן אַלע אַבסאָלוטן.
און ס׳איז געווען ווי קוקן אין הימלען טאָפּלטע.
און ווען זי האָט געזאָגט דאָס ערשטע וואָרט
(דאָס וואָרט געווען איז „דו")
איז אַ טויט-שרעק אים באַפאַלן,
נאָר זי האָט אַ הייב געטאָן איר האַנט
און אָנגערירט זיין וואונד וואו ס׳האָט זיך שוין גענומען היילן,
ווייל ער מוז דאָס אָרט פילן כדי ער זאָל פאַרשטיין.
ערשט האָט ער דערמאָנט זיך אָן זיין בענקשאַפט
וואָס האָט זיין זייט אים אויפגעריסן
און זעענדיק אין ווייסקייט דאָס פאַרגיין
האָט ער שאַרף דערפילט אַ שטאָך ווי פון אַ דאָרן.
געמיינט די פרוי האָט אים דעם שטאָך געגעבן
אָדער גאָר די קראַנקייט וויל זיך אומקערן צוריק.
צי איז געווען אַ נפקא-מינה, דער ווייטיק אָפּגעלאָזט,
און זי האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי מיט צוואַנגען אייזערנע,
מיט פינגער האָט זי זיך אַריינגעביסן אין זיין לייב.
אַלט ט׳זי אויסגעזען און איינגעדרייט ווי ס׳זיינען ניי-געבאָרענע.
און ער האָט וויי־טאָן זיך געלאָזט ביז זי אַליין האָט אָפּגעלאָזן.
און נאָכדעם — אים פאַרגעסן און מיד זיך אויפגעשטעלט
און איז אַוועק צווישן ביימער וואַסער זוכן.

אָדם האָט געזען זי וואַנדלען דורך געוויקסן.
נאָכגעקוקט די פוס-טריט אירע
ווי עס וועבט איר קערפּער זיך ליכט־איין, ליכט-אויס.

זי האָט אַ וואַסערל געפונען,
און צו באַטראַכטן זי גענייער
האָט ער זיך שעמעוודיק נאָך איר געלאָזן גיין
און באַלד
האָט זי גענומען ווערן שיין.

---

**) קאַרל שאַפּיראָ, באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט, געבוירן אין 1913. אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער פּאָעזיע און עסייען. איצט פּראָפעסאָר אין נעבראַסקאַ אוניווערסיטעט. (איב.)

**אליהו טענענהאָלץ** / האָליוואוד

# סודות פון רעדאַקציע

(טראַגישעווידוי אין איין סצענע, מיט אַ מוסר־השכל)

### די פּאַרשוינען:

**מלכה** — — — — — — — — קעניגין פונעם וואָרט.
**הערי** — — — — — — — באַריידעוודיקער שוויגער.
**עליע** — מיט אַ שפּילקע פאַר אַ סך און מיט אַ מעסער — פאַר זיך.

(ווען דער פאָרהאַנג צעגייט זיך, זיינען די דריי פאַרשוינען פאַרוואַלגערט אין מאַנוסקריפּטן; לידער, נאָוועלן, עסייען, זכרונות, בריוו... זיי בלעטערן פּאַפּיר־בלעטער, לייענען באַזונדער און לייענען צוזאַמען, קוועלן־אָן פון אַ פריש וואָרט, אַ גוטע שורה און קריצן מיט די ציין אויף דאָס פאַרקערטע... די האַנדלונג, ווי דער שמועס, איז ניט פון אָנהייב נאָר פון מיטן, מחמת דאָס גערייד איז אַ פאָרזעצונג פון ריידן):

**מלכה**: מען וועט אונדז שניידן פאַסן, מען וועט נישטערן די קאָמעס און די אויסרוף־צייכנס, חלילה זאָל אונדז זיין אַ פורעמלאָזער לשון, „ווערטער זיינען פייגל אין אַ שטייג"!

**הערי**: הערט, געגאָסן (פאַרכאַפּט זיך), כ'מיין, הערט מיינע פריינט: מיר זיינען איינשטימיק אַז דער „ח ש ב ו ן" זאָל זיין ה יי נ ט י ק, „אַפּ־טו־דעיט", מיר זיינען איינשטימיק אַז דער „חשבון" זאָל זיין אַ ליטעראַרישער זשורנאַל, מיר זיינען איינשטימיק אַז דער „חשבון" זאָל נוצן די היינטיקע אָרטאָגראַפיע, אָבער איך קאָן ניט קוקן אויף דעם וואָרט פון די דריי שטעקנס... כ'מיין, פאַרשטייט זיך, דעם „וואָו" פון די 3 וואו'ן... באמת, טאָמער קומט אַמאָל אַ שרייבער מיט אַזאַ שורה: „ווו וווינט וועלוול"? און די יתורמה וועט ענטפערן: „וועלוול וווינט אויף די זאַוואולקעס, ווו ווייבער וואַליען וויינטרויבן..." וועט דער זעצער אין זיין מאַשין ניט האָבן אַזויפיל וואו'ן...

**עליע**: קינדער, מזל־טוב!

**ביידע**: עפּעס גוטס?

**עליע**: אַ הומאָרעסקע מיט שפּאָגל־נייע וויצן! אָט איז אַ מוסטער: דער הומאָריסט צעלייגט עס אויף צוויי זייטלעך, אָבער נאָט איך דעם „סינאָפּסיס": יענער ייד וואָס גייט אַריין אין אַ „רעסטאָראַציע נאַכטמאָל עסן", דאָס עסן טויג אויף כפּרות, די פרייזן זיינען רויבערישע, אָבער וואָסזשע טוט גאָט? גנבעט ער אַוועק צוויי זילבערנע לעפל — ניט גאָט חלילה, נאָר דער ייד...

**מלכה**: צוריקשיקן!

**הערי**: ניין. ער קאָן עס נאָך שיקן ערגעץ אַנדערש, שיק עס אַהער אין קאָרב אַריין.

**מלכה**: וואָס וועט זיין מיט די אַלטע?

**עליע:** זיין וועלן בעסער ווערן... אַלע אַלטע ווילן ניט און ווילן ניט, אָבער זיי ווערן בעסער... נאָכדעם זעט מען זיי נישט מער...

**הערי:** איך מיין, מיינע פריינט, אַלטע זיינען ניט קיין נייעס פון לאָס אַנדזשעלעסער געמיינדע, אומעטום זיינען דאָ אַלטע. דער „חשבון" דאַרף אַ שפּיגל טון יידישע יוגנט; אָט האָבן מיר דאָ אין די קאַלעדזשעס פון קאַליפאָרניע יידישע סטודענטן, כן ירבו, נו — גייען זיי אַוועק פון אונדז אָדער בלייבן זיי מיט אונדז ?

**עליע:** בראַוואָ ! מיר ווילן וויסן; נעם דיין פען און ענטפער.

**מלכה:** טייערע מיינע, איך זאָג אייך, אונדזער זשורנאַל דאַרף זיין ראַזשינקע-ווייַן־שאַמפּאַניער...

**עליע:** קעניגין, געזונט זאָלט איר זיין, לאָזט זיך אָפּדינגען; לאָמיר דערווייל האָבן ראַזשינקע-וויין . . .

**הערי:** וואָס זאָלן מיר טאָן מיט „שווערע" ווערטער?

**עליע:** די שווערע ווערטער זיינען „ממזרים"—מע' וואַרפט זיי אונדז אונטער...

**הערי:** ס'דערמאָנט מיך: אב. קאַהאַן דערזעט אַמאָל אין אַ מאַנוסקריפּט אַזאַ וואָרט: „באַגאַטעליזירן". רופט ער אַריין דעם שרייבער צו זיך אין אָפיס און זאָגט צו אים : „מיר געפעלט אין אייער אַרטיקל דאָס וואָרט „באַגאַטעליזירן"... כ'בעט אייך, זאָגט עס מיר אויף יידיש." דער שרייבער טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט: „אויף אונדזער פאָלקס-לשון, הער קאַהאַן, אויף יידיש, קאָן מען זאָגן אַזוי: „מען קען עס מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן." קאַהאַן גיט אים צוריק דעם מאַנוסקריפּט און זאָגט: „זייט-זשע אַזוי גוט — שרייבט עס אָן אויף יידיש"...

**עליע:** קעניגין טייערע, אָט וואוינט איר דאָ אַ פּאָר גאַסן צום ים, לעבן די „פּאַליסיידס ביים פּאַסיפיק", איז וואָס איז וועגן ים? טאַקע, זאָגט וואָס זאָגט דער ים ? !

**מלכה:** דער ים איז וואונדערלעך שיין, איך שפּאַציר דאָרט אין די וואָכן־טעג, אָבער ניט שבת און ניט זונטיק. איך קאָן ניט קוקן אויף אונדזערע בלינדע יידן... אָט איז אונדזער ליבער שבת, אָדער דער היגער זונטיק; די זון וואַרעמט, די לופט איז ריין, די טאָפּאָליען־פּאַלמען ציען זיך צו די הימלען, דאָס גראָז איז גרין, דאָס ווינטעלע פונעם ים לאַסטשעט און קוויקט, דער ים שטרעקט זיך, מורמלט שטיל מיט זיינע כוואַליעסלעך, מיניעט זיך אין דער זון מיט טויזנט רעגנבויגנס... און אונדזערע בלינדע יידן מיט די יידענעס זעען דאָס ניט, זיין קוקן דאָס ניט אָן — זיי קוקן אין די קאָרטן...

**הערי:** לאָמיר זיי דן לכף־זכות זיין; אפשר שפּילן זיי אין קאָרטן ווייל זיי קענען ניט שפּילן אין לעבן ?

**מלכה:** חלילה. זיי קומען „צום ים" אין גוטע אויטאָמאָבילן: ביואיקס, אָלדס־מאָבילס, אפילו קעדילאַקס. יאָ ! ווייזט אויס זיי שפּילן אין לעבן, נאָר— זיי פאַרשפּילן עס אין קאָרטן...

**עליע:** קעניגין, געזונט זאָלט איר זיין !

**הערי:** הער נאַר, רעב עליע, „אַדאָן האַגאַדאָל״ (אדון הגדול): אינעם אונטער־קעפּל פון אָט־דאָס טראַגעדיעלע האָסטו צוגעזאָגט אַ מוסר־השכל — וואָס איז דער מוסר־השכל ?

**עליע:** אָט איז דער מוסר־השכל: מען דאַרף נישט ווערן פאַרצווייפלט און נישט פאַרדרייפלט; מיר האָבן, ברוך השם פון אַלצדינג, פון אַלערלייאיקייטן... ניט מער, מיר זיינען אַרויף צו אַ זאַ אַרונטער, אַז דאָס איז אויך מוסר־השכל... ביי אונדז, אין לאָס אַנגעלעס, אַז איינער וויל זיך „אַרויפאַרבעטן״ צו האָבן אַ גרויסע לויה, מוז ער טון דריי זאַכן: שווייגן, שמייכלען און שווייגן... אָדער, איינער וואָס קאָן כמעט גאָרנישט טון און טוט עס דרייסיק־פערציק יאָר כסדר, אַזאַ איינער ווערט אויס מענטש, ער ווערט — אַן אינסטיטוציע... אָבע דאָס, מיינע ליבע, טאָר מען ניט זאָגן און דרוקן אַוודאי ניט! טאָ זאָל עס בלייבן אַ סוד פון רעדאַקציע...

---

**לוי גאָלדבערג** / ברוקלין, ניו־יאָרק

# איבער יעדן טאָג לעבן

דיר זעטיקט די ערד די פאַרזייטע,
דער טאָג, מיט ליכט און מיט נאַכט;
און מיט דיין משפּחה, געקייטע,
דער וועלט אויף צו שיינען געבראַכט.

איצטער אויף דיר קומט דער שטורעם;
די יאָרן וואָס ברעכן דיך איין.
איז ווייס, אויך אַ בוים האָט יסורים
אין שטורעם געבויגן צו זיין.

בענטש גאָט פאַר דאָס ביסעל אייגנס:
שיין פאַר דיין אויג, און זיכערן טראָט;
און פאַר דיין הויזגעזינד, דערצויגן
גוט צו זיין, פאַר לייט, און פאַר גאָט.

און וואָס איבער דיר שפּרייט די השגחה
צו דיין ליד, די זילבערנע טרער.
איבער יעדן טאָג לעבן, מאַך אַ ברכה
און זאָג: אַז געבענטשט איז „ער״.

**ח. באַרקאַן** / פילאַדעלפיע

# אין טיפער נאַכט

לזכרון ה. לייוויק ז״ל

אין טיפער נאַכט העל־זעעריש עס ווערט מיין בליק,
עס ליגט מיין קערפּער שטום, אַ כּלי שווער, אין ווי;
נאָר דורך ווייטן כ׳זע מיין פרילינג־וועלט צוריק,
און ס׳שוועבט מיין גייסט אין חלל הויך און שטאָלץ און פריי.

איך קרייז אַרום אין רוים אויף וואָלקנס, הימל, ערד,
פריי אין הייכן כ׳שוועב און טראַג ניט מער קיין לייב;
אָפּגעשאָפט דער גרעניץ און ערד־חלקים ווערט,
און אויסגעטאָן פון חומר אויף שעהן נאַכט איך בלייב.

אין אימהדיקער פינצטער עס שיינט די זון אויף מיר,
אין ווילדן וואַלד מיט וואָלף באַווייזט זיך מילד אַ ליכט;
און אונטער הרי־חושך עס עפנט זיך אַ טיר,
אַ זקן שפּאַנט פון הייל מיט שטראַליקן געזיכט.

אָ, גיב שוין, גוף, מיר רו, כ׳וויל וואַנדערן אין רוים,
און איבער רוים־מרחקים איך וואַנדער אָן אַן עק,
און שעפּ פון לויטער קוואַל מיט חדווה, אין מיין טרוים,
און לאָז גאָטס האַנט מיך פירן אויף ערד פון ברעג צו ברעג...

• מחמת מאַנגל אין אָרט קאָנען די ליטעראַרישע נאָטיצן און וועגן ביכער און זשורנאַלן נישט אַריין אינעם היינטיקן נומער. מיר בעטן אַנטשולדיקונג.

רעדאַקציע

סערגעי נוטקעוויטש

# יידישע קאַמיוניטי צענטערס אין לאָס אַנגעלעס

די יידישע קאַמיוניטי צענטערס אין לאָס אַנגעלעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 15,000 מענער און פרויער, פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם יידישן קהילה-לעבן פון אונדזער שטאָט.

דער ערשטער יידישער קאַמיוניטי צענטער איז דאָ אַנטשטאַנען אין יאָר 1910, כאָטש ענלעכע קאַמיוניטי צענטערס אין דער „איסט", זיינען אַנטשטאַנען שוין אין 1850. די צענטערס זיינען געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל צו געבן די אָרימערע שיכטן פון יידישע קינדער און יוגנט אַ פּלאַץ פאַר גייסטיקער אויס־לעבונג און פיזישער דערציאונג.

דער נאָמען פון ערשטן צענטער אין לאָס אַנגעלעס איז געווען די „עדיוקיי־שאַנאַל אליייענס" און האָט זיך ביז 1924 געפונען אויף טעמפּל סטריט. אין דער צייט האָט די יידישע באַפעלקערונג גענומען זיך קאָנצענטרירן אין דער „באָיל הייטס" געגנט. דאָרטן טאַקע איז אין 1924 געעפנט געוואָרן דער שפּעטער פּאָפּולערער „איסט סייד צענטער," אויף סאָטאָ און מישיגען. אין 1928 ווערט אין דער „סיטי טערעס" געגנט געגרינדעט דער „מנורה" צענטער, און אין 1937 ווערט געעפנט אַ צענטער אין דער ווערסט עדעמס געגנט, און אַ יאָר שפּעטער אַנטשטייען צוויי אַנדערע צענטערס אין דעם מעלראָוז-ווילשייער און האָליוואוד־ווילשייער געגנטן.

די ערטער וואו עס זיינען געגרינדעט געוואָרן די קאַמיוניטי צענטערס איז אין אַ געוויסן זין אַ מין געשיכטע פון די יידישע „וואַנדערונגען" אין לאָס אַנגעלעס.

ערשט נאָך אַ גרינדלעכער אויספאָרשונג, וואָס דער „נאַציאָנאַלער וועלפער באָארד האָט אַדורכגעפירט אין יאָר 1942, איז געגרינדעט געוואָרן די ביז איצט עקזיסטירנדיקע „יידישע צענטערס אַסאָסיאיישאָן", אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט צו קאָאָרדינירן די טעטיקייטן פון אַלע עקזיסטירנדיקע צענטערס.

היינט־צו־טאָג עקזיסטירן אין לאָס אַנגעלעס די פאָלגנדע צענטערס: ווערסט-סייד יידישער קאַמיוניטי צענטער; האָליוואוד לאָס פעליז צענטער; סאַנטאַ מאָניקאַ צענטער; איזראַעל לעווין סיניאָר סיטיזענס צענטער; וועלי סיטיס צענטער; גראַנאַדאַ הילס צענטער. די „עקסטענשאַן"־דיוויזיע פירט אויך אָן מיט צענטער אַקטיוויטעטן אין פאַרשיידענע טעמפּלען.

די יידישע צענטערס זיינען אין פולן זין פון וואָרט דעמאָקראַטישע אינסטי־טוציעס און זיינען אָפן פאַר אַלע, אָן אונטערשייד פון ראַסע, גלויבן און פּאָליטישע אָנגעהעריקייט. זיי זיינען אַ זאַמל־פּונקט פאַר אַלע יידן אָן אונטערשייד פון זייער רעליגיעזער אָדער וועלטלעכער אָריענטאַציע און דינען פאַר באַאיינפלוסן מעג־לעכע אייניקייט אין יידישן לעבן.

די צענטערס באַמיען זיך צו אינטעגרירן דעם אינדיווידיאום ווי אויך די יידן ווי אַ גרופּע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. אין דערזעלבער צייט, גלויבט די צענטער-באַוועגונג, אַז די יידן קענען צוטראָגן זייער באַדייטנדן צושטייער פאַר דער אַמעריקאַנער קולטור.

די צענטערס זיינען דערציאונגס און פּאַרווײלערישע אַגענטורן פֿאַר דעם וואוילזיין פֿון דער געזעלשאַפֿט און די פּראָגראַמען זיינען געבויט פֿאַר פּאַר־שפּרייטן בילדונג, פֿיזישע דערציאונג און דעם פּרינציפּ פֿון דעמאָקראַטיע. פּאָליטישע אַקטיוויטעטן וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך צו די דערמאָנטע פּרינציפּן קענען אין דעם צענטער נישט אָנגעפֿירט ווערן. דאַקעגן אַנערקענט דער צענ־טער דעם פּרינציפּ פֿון דעם „אָפֿן פֿאָרום", וואו עס קענען פּרעזענטירט ווערן פֿאַרשיידענע קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן, און דורך דעם פּראָצעס פֿון דיסקוסיע קענען באַלויכטן ווערן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען.

אין אַ פּרינציפּן דעקלאַראַציע ווערט דערקלערט, אַז די צענטער באַוועגונג דינט פֿאַר יידישער אידענטיפֿיקאַציע און פּאַראייניקונג, וואו דער ייד; אָרטאָ־דאָקס, רעפֿאָרם, קאָנסערוואַטיוו, יידישיסט, העברעאיסט אָדער סעקולאַריסט קענען געפֿינען אַ געמיינזאַם פּלאַץ פֿאַר אַקטיוויטעטן, און די פֿאַרשיידענע דער־פֿאַרונגען קענען אין פֿולער פֿרייהייט געטיילט ווערן מיט אַנדערע.

די באַזע פֿאַר די צענטער פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן זיינען די „קלוב־גרופּן", וואָס זיינען געבויט אויף אַ פּרייוויליקן אופֿן פֿאַר געמיינזאַמע אינטערעסן און וועלכע געבן דעם אינדיווידואום אַ געלעגנהייט דורך צוזאַמענקונפֿט, שפּיל און געמיינזאַמע אַרבעט, צוגעבן אַן אויסדרוק פֿאַר פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿט־לעכן וואוקס אין אַ דעמאָקראַטישער אַטמאָספֿער וואָס דער צענטער פֿאַרמאָגט.

פֿון דעם ביז איצט דערמאָנטן, קען דער לייענער האָבן אַ באַגריף, אַז דער קאָמיוניטי צענטער האָט אַ בפֿירוש יידישע אָריענטאַציע אין אַלע זיינע פּראָ־גראַמען. עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז זייענדיק אַ דערציאונגס אינסטי־טוציע, ווערט דער יידישער אַספּעקט אַן אינטעגראַלע אָריענטאַציע אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס ווערן געפּלאַנט פֿאַר אַלע גרופּן און קלובן פֿונעם צענטער.

די יידישע אָריענטאַציע הויבט זיך אָן פֿון דעם קינדערגאָרטן פֿאַר דריי יעריקע קינדער און נעמט אַרום אַלע יאָרן, איינשליסנדיק פֿאַרשטייט זיך די „סיניאָר סיטיזענס", וואָס דער עלטסטער פֿון זיי איז 93, קיין עין הרע...

יידישקייט מיינט: אָריענטאַציע, געמיט, אינהאַלט, וועלט־אויפֿפֿאַסונג. דאָס אַלץ ווערט אָבער געטאָן אין דער ענגלישער שפּראַך. עס איז אויך דאָ אַ יידיש־קייט אין דער פֿאָרם פֿון אויסדרוק. אַ קלאַס פֿון מאַלעריי צי פֿון טאַנץ, מוזיק, האָט אַ יידישע אינטערפּרעטאַציע און אינהאַלט. אין אַנדערע געביטן, ווי דראַמע און געזאַנג, האָט שוין יידיש ווי אַ שפּראַך אַ בפֿירושע אנווענדונג.

פּראָגראַמען אין דער יידישער שפּראַך זיינען זייער פּאָפּולער ביי דעם עלטערן דור פֿון צענטער־מיטגלידער, ביי די „סיניאָר סיטיזענס." עס עקזיסטירן ספּעציעלע לייען און דיסקוסיע גרופּן, וואָס קומען זיך צענויף אויף אַ רעגולערן אופֿן, מינימום איינמאָל אין דער וואָך. דער „יידישער פֿאָרום" איז אַ מאָנאַט־לעכע לעקציע פֿון אַן אָנגעזעענעם שרייבער אָדער לעקטאָר אין יידיש. דער כאָר, וואָס באַשטייט פֿון איבער הונדערט מענער און פֿרויען און טרעט אַרויס מיט 3־2 קאָנצערטן אין יאָר האָט אַ לידער־פּראָגראַם פֿון אַרום 80 פּראָצענט יידישע געזאַנגען.

צוויי מאָל אין יאָר קומען פאַר יידישע טעאַטער פאָרשטעלונגען מיט ניו־יאָרקער אַרטיסטן (אַרבעטער רינג און יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד) ביי געפאַקטע אַדיטאָריעס. די געטאָ טרויער פאַרזאַמלונג האָט מערסטנס אַ יידישן פראָגראַם און איבער 600 מענטשן (אויך יונגע) קומען צו זיי. די דראַמע גרופע ביים וועסטסייד יידישן קאָמיוניטי צענטער האָט עטלעכע מאָל אין יאָר יידישע פאָרשטעלונגען. די „עונג שבת" פייערונגען האָבן אַן איבערוועגנדן יידיש־ריידנדיקן פראָגראַם. לויט מיינע באַשיידענע אויסרעכענונגען קומען צו די יידיש־ריידנדיקע אַראַנזשירונגען אַ צאָל פון איבער זיבן טויזנט מענער און פרויען אין פאַרלויף פון יאָר.

דער וועסטסייד צענטער האָט אויך היינטיקן יאָר געעפנט אַ יידיש קורס פאַר דערוואַקסענע וואָס ווערט דערפאָלגרייך אָנגעפירט פון שמואל סיגעל. דער קורס איז אָריענטירט פאַר אַמעריקאַנער געבוירענע. נאָך דעם דערפאָלג פון קורס, וועט אין דעם נייעם שול־יאָר געעפנט ווערן נאָך קלאַסן.

***

ס'איז אַ גרויסער מהלך פון די פּראָגראַמען וואָס דער צענטער האָט צוגע־גרייט פאַר די יידן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דעמאָלט איז די אָריענ־טאַציע געווען אַריינצופירן דעם אימיגראַנט און דעם יונגן דור אין דעם אַמע־ריקאַנער לעבן און מנהגים. היינט באַמיט זיך דער צענטער אַריינצופירן דעם הי־געבוירענעם דור יידן אין דעם היכל פון יידישער קולטור און געשיכטע אוצר.

די יידישע שפּראַך ווערט געאַכטעט, רעספּעקטירט און דערמוטיקט. ליידער אָבער האָט עס אַ שייכות צו דעם עלטערן דור מענער און פרויען. ווען די באַ־ציאונג צו דער יידישער שפּראַך וועט זיך ענדערן אין דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, וועט די צענטער באַוועגונג מן הסתם זיין איינע פון די ערשטע אינסטי־טוציעס וואָס וועט האָבן אַ צוגעגרייטן באָדן פאַר אַ ברייטער און אויפריכטיקער איינוועגדונג פאַר דער יידישער שפּראַך.

---

# באַגריסונג

ליבער פריינט אליהו טענענהאָלץ:

מיר באַגריסן אייך מיט פרייד אין אונדזערע הערצער, וואָס מיט אייער ענטוזיאַזם האָט איר געמאַכט מעגלעך דאָס אַרויסגעבן אונ־דזער ל. א. יידישער קולטור קלוב'ס זשורנאַל „חשבון", מיט דער מיטהילף פון דער דיכטערין מלכה חפץ טוזמאַן און דעם וועטעראַן שרייבער ה. לאַנג.

מיר האָפן, אַז אונטער אייער רעדאַקציע וועט דער "חשבון" ווערן פון די בעסערע יידישע זשורנאַלן אויף דער יידישער גאַס.

מיט כל־טוב,

צילי און שלמה צוקערמאַן

לייזער מעלצער / אָוקלאַנד

# יידיש לעבן אין צפון קאַליפאָרניע

דאָס יידיש לעבן אין צפון קאַליפאָרניע איז גאַנץ אַנדערש ווי אין דרום קאַליפאָרניע. דער יידישער ישוב אין לאָס אַנגעלעס און אַרום איז אַ נייערער, ווייניק וואָס קענען זיך באַרימען צו זיין תושבים 50־60 יאָר אין ל. א., אָבער סאַן פראַנציסקאָ און אַרום קאָן שוין אָנווייזן אַ צווייטן, אַ דריטן און אפילו אַ פערטן דור הי־געבוירענע.

לאָס אַנגעלעס איז אַן „אַנגעפּאָרענע" שטאָט, פאַראַן דאָרט לאַנדסמאַנ־שאַפטן פון אַלע ווינקעלעך פון אַמעריקע; דריי שיקאַגער פאַראיינען, צוויי ניו־יאָרקער, איין מאָנטרעאַלער, איין אָמאַהאַ־נעבראַסקער און צענדליקע אַנדערע. אַנדערש אָבער איז דאָ, ביי אונדז אין סאַן פראַנציסקאָ, אָוקלאַנד, פּעטאַלומאַ און די קלענערע שטעטלעך. דאָס זיינען די מערסטע יידן געקומען גלייך אַהער פון אייראָפּעאישע לענדער. צו געפינען דאָ אַ שיקאַגער, אַ פילאַדעלפיער, אַ ניו־יאָרקער ייד, דאַרף מען זוכן מיט ליכט... איז פאַרשטענדלעך וואָס ביי גאָר אַ סך אונדזעריקע זיינען דאָ צוריקגעשטאַנענע; קיין נייע ווינטן האָבן ניט דורכגעלופּ־טערט די יידישע אַטמאָספערע. האָבן אַ סך פון אונדזערע יידן דאָ זיך צוגערוקט צו די יידן פון „קאַונסיל אָוו דזשודאאיזם" און יידיש איז דאָ געוואָרן — ניט קיין גאַנגבאַרע סחורה . . .

די אָנפירערין פון דעם מאָנטיפיאָרע יידישן צענטער אין סאַן פראַנציסקאָ, מרס. מאָהעל, דערציילט מיר, אַז איידער עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו האָבן אַ יידישע אָפּטיילונג אין איר צענטער־בולעטין, אָדער צו האָבן אַ יידישע פּראָ־גראַם פאַר עלטערע מענטשן, האָט זי געהאַט צו קעמפן גראַד מיט די, וועלכע האָבן געקענט זייער ווייניק ענגליש און דווקא גוט געקענט יידיש... און דער חידוש איז, וואָס מרס. מאָהעל אַליין איז די טאָכטער פון אַ דריטן דור אַמעריקאַ־נער געבוירענע.

איז עס טאַקע אַ שטיקל נחת צו געפינען אין צפון קאַליפאָרניע, ביים „פּאַסיפיק", אַז קינדער פון דריטן דור אַמעריקאַנער געבוירענע יידן, קומען צוריק צו מאַמע־לשון, יידיש. אויך קאָן מען דאָ זען דעם געראַנגל; „אַמעריקאַ־ניזירטע" יידישע טאַטע־מאַמעס קעמפן קעגן זייערע קינדער גראַד דערפאַר וואָס זיי זיינען „צופיל יידיש"... פאַר זייער אנשליסן זיך און זיין אַקטיוו אין אָרטאָדאָקסישע שוהלן, אין קאָנסערוואַטיווע טעמפּלען. ביי אונדז אין אָוקלאַנד, ביים טעמפּל בית אברהם, וואו דער גייסטיקער פירער איז דער טייערער ייד, דער מתמיד, רבי העראַלד שולוויס, ווערט די טאָג־שול געפירט פון יונגע מענער און פרויען פון דריטן און פערטן דור הי־געבוירענע. אָט די טאָג־שול איז ניט סתם עפּעס אַ שול, נאָר זי גיט אַרויס תלמידים, יידישע זין און טעכטער, פיינע שטאָלצע יידן, פאַראינטערעסירטע אין פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, פאַראינטערעסירטע אויך שטאַרק אינם יידישן לעבן אין מדינת ישראל.

גאָר לעצטנס איז ביי אונדז אין אָוקלאַנד דאָס יידישע לעבן פריילעכער געוואָרן; די גרינדונג פון אַ „הסתדרות קאָמיטעט" האָט אַריינגעבראַכט יידישן אימפּעט. ביז איצט, אַז מען פלעגט, למשל, דאָ צענויפזאַמלען פאַרן הסתדרות אַ פּאָר הונדערט דאָלער, איז עס געווען אַ „סוקסעס"... היינט, אין פאַרגאַנגענעם יאָר, איז געשאַפן געוואָרן פ י נ ף מאָל אַזוי פיל, אַ דאַנק דעם נייעם קאָמי-טעט, איז עס נאָר געווען — אַ „דערפאָלג"...

אויך איז די גרינדונג פונעם „דר. נחמן סירקין קולטור צווייג" פּועלי ציון אַ גרויס געשעעניש אין אָוקלאַנד; דער סירקין צווייג טוט קולטור-אַרבעט, יום-טוב'ט יידישע ימים-טובים; פאַרשפּרייט דאָס יידישע וואָרט דורך שרייבער-אָוונטן, באַאיינפלוסט דעם היגן „צענטער" צו האָבן קולטור-אונטערנעמונגען אין יידיש; האָט געהאַט די רייזנדע טעאַטער-טרופּע פון פאַרבאַנד און איצט די טעאַטער-טרופּע פון אַרבעטער-רינג. חוץ לזה איז עס סתם אַ פיינער פּועלי-ציון פאַראיין ביי וועמען דער פּועלי ציוניזם איז נאָך (זייט מיר מוחל) ניט פאַר-וואָסערט. אויך איז טאַקע אין זכות פון אָט-דעם פאַראיין, אויפגעמונטערט גע-וואָרן די יידיש-ריידנדיקע יידן פון סאַן פראַנציסקאָ, אַזוי אַז ביי אַ פאַרזאַמלונג, אין אָנדענק פונעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, האָבן די עטלעכע הונדערט פאַרזאַמלטע יידן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, געהערט אין אַ סאַן פראַנ-ציסקער טעמפּל אַ רעדע אין יידיש; אפילו דער חזן פון טעמפּל, וואָס האָט נאָר געדאַרפט זאָגן אַ תפילה און דעם אל מלא רחמים, האָט געקראָגן מוט און האָט האַרציק געזונגען פאַסיקע יידישע לידער.

אַ גרויסע אבידה האָבן די יידן פון אָוקלאַנד, בוירקלי און אַנדערע שטעט-לעך געליטן דורך דער פּטירה פון רבי וויליאַם סטערן, פון סיני טעמפּל.

רבי סטערן איז געווען זייער אַ וויכטיקער ייד אין יידישן לעבן, ער האָט אַ סך געטאָן פאַר די יידן אין די שטעטלעך וואָס מע רופט „איסט בעי סיטיס" און פאַר גאַנץ צפון קאַליפאָרניע. ער האָט זיך אַזוי באַליבט געמאַכט, אַז מען האָט אין ישראל געפלאַנצט אַ וואַלד בוימער אויף זיין נאָמען. ער איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן דאָ. צו זיין לויה איז ספּעציעל געקו-מען דער הויפּט ריכטער פון סופרים קאָורט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אוירל וואָרען, וועלכער איז איבער דרייסיק יאָר געווען אַ פריינט מיט וויליאַם סטערן. אַגב איז כדאי צו געדענקען אַז רבי סטערן האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אויס-געלערנט יידיש כדי צו קענען לייענען מענדעלען, פּרצן, שלום עליכם און אַנ-דערע יידישע שרייבער אין אָריגינאַל. ער פלעגט זאָגן: „ניט ריכטיק אַז יידיש רעדט זיך אַליין... מען דאַרף קענען יידיש!"

ער וועט אונדז שטאַרק אויספעלן אין צפון קאַליפאָרניע.

אין אַמעריקע זיינען איצטער פאַראַן, ליידער, אַ סך געגענטן וואו עס קומען פאָר געמישטע חתונות — וואָס טוט מען דערצו? איז דאָס לעצטנס טאַקע די הויפּט-פראַגע פון טאָג דאָ, אין צפון קאַליפאָרניע: אין טעמפּלען, אין יידישע צענטערס, אין שוהלן, אומעטום וואו יידן קומען זיך צוזאַמען, פרעגט מען: „וואָס טוט מען?" צי דאַרף מען אַריינגעמען ניט-יידן אין דער יידישער געמיינדע? צי דאַרף מען זיך אָנשטרענגען צו מאַכן גרים? ווער קען ענטפערן?

נאָר פונדעסטוועגן, כאָטש די פראַגע פון „געמישטע חתונות" הענגט אַלץ ניט פאַרענטפערט און, גאָט ווייסט אויב ס'עט ווען ווערן פאַרענטפערט, איז אַ שטיקל טרייסט האָבן מיר דאָ, אין צפון קאַליפאָרניע: די טרייסט קומט פון אונדזער שטודירנדיקער יוגנט! ווי אַזוי? אָט אַזוי: אַ סך פון די סטודענטן אין בוירקלי אוניווערזיטעט, וועלכע קומען אַהער פון די מזרח־שטאַטן, באַשליסן צו בלייבן און מאַכן דאָ זייער היים; עס ציט זיי צו דער מעטראָפּאָלישקייט פון סאַן פראַנציסקאָ, צו דעם רואיקן לעבן אין אָוקלאַנד, בוירקלי, סאַן לעאַנדראָ און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך און אַזוי ווערן זיי אַקטיוו אין דעם יידיש קולטורעלן לעבן דאָ און — עס ווערט טאַקע פריילעכער!

נאָך אַ שטיקל געשעעניש דערצו איז וואָס צו אָט־די יונגע יידישע זין און טעכטער, קומען צוביסלעך די עלטערן, די טאַטע־מאַמע; פריער געוואָר ווערן און שפּעטער בלייבן זיי שוין דאָ; זיי ווערן „היגע", מישן זיך צענויף מיט די גרופּעס „סיניאָר סיטיזענס" (עלטערע בירגער) וואו מען האָט איינגעפירט פאַרווילונגען ווי: טענץ, פּאָרלייענונגען, לעקציעס — מען זוכט, מען זוכט די יונגע יאָרן... איבערהויפּט זיינען אָט-די קלובן פול מיט עלטערע פרויען, אַלמנות; זיי אויך זוכן די יונגע יאָרן, אָבער— ניט לייכט צו געפינען...

נו, איז אָט האָט איר דאָ אַ טראָפּן יידיש לעבן ביי אונדז אין צפון קאַליפאָרניע — ווי איז עס ביי אייך?

## מיר דאַנקען...

• דעם קינסטלער, ב. מלחי, פאַר זיין מתנה, די צייכענונג פונעם באַנייטן „חשבון".

* * *

• די דיכטער, נאָוועליסטן, שרייבער, די מיטבאַטייליקטע אינעם איצטיקן נומער „חשבון"— און אויך די חשובע שרייבער, וועלכע האָבן, שריפטלעך, צוגעזאָגט אונדז צו זיין מיטבאַטייליקטע אינעם באַנייטן „חשבון".

* * *

• די גוטע פריינט פאַר זייערע באַגריסונגען (פּריוויליק און מיט ממשותדיקן צושטייער!) צו דער נייער רעדאַקציע פונעם באַנייטן „חשבון".

* * *

• די אַרויסגעבער—לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב און שרייבער-קרייז — פאַרן האָבן צוטרוי און אונדז געבן פרייהייט פון אויסקלייב און פאַרוואַלטונג פונעם באַנייטן „חשבון."

רעדאַקציע

LIBRARY OF
Elihu Tenenholtz
Hollywood, Cal.

מאָריס זילבערט

# דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס

דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. פונקט ווי דער פאַרבאַנד אַלס אַ גאַנצער, האַלט אָן די אידעאָלאָגיע פון די ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג אויפן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. און אויסער ציוניסטישע טעטיקייטן האָט דער פאַרבאַנד אין זיינע אויפגאַבן צו בויען און העלפן רייכער און שענער מאַכן דאָס יידישע לעבן און פירט אָן יידישע קולטורעלע און דערציערישע טעטיקייטן.

דער פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס פאַרמאָגט איבער צוויי טויזנט פיר הונדערט (2400) מיטגלידער. זיי זיינען איינגעטיילט אין דרייצן צווייגן. אַכט יידיש־ריידנדיקע און פינף ענגליש־ריידנדיקע. אַלע צווייגן פירן דורך קולטור־פּראָגראַמען ביי זייערע פאַרזאַמלונגען; אייניקע צווייגן האָבן ספּעציעלע איינגעאָרדנטע קולטור פאַרזאַמלונגען. אַלע צווייגן פייערן די יידישע ימים טובים דורך ספּעציעלע פּראָגראַמען.

דער פאַרבאַנד באַטייליקט זיך און איז אפילו אין דער פירערשאַפט פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, אַקטיוו פאַר דער פאָלקשולע פון אינסטיטוט, ווי אויך פאַר די צוויי קולטורעלע אינסטיטוציעס פון אינסטיטוט: דער „שבת־טיש" און דער „תנ"ך שטודיע קרייז"; ביידע האָבן זיך שוין דערוואָרבן דאָ אַ שם־טוב. דאָס גלייכן באַטייליקט זיך דער פאַרבאַנד אין געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן יידישן לעבן, לאָקאַל און נאַציאָנאַל.

דער פאַרבאַנד, דורכ'ן שטאָט־קאָמיטעט, האָט אַ פאַרדינסטפולן רעקאָרד, וואָס יעדן יאָר ברענגען זיי אַהער אויף זייער אַחריות פּאַרנעמע געלערנטע און ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן פאַר האַלטן לעקציעס, וואָס ברענגט אַ סך גייסטיקייט, אַ חוץ די פאַרבאַנד מיטגלידער, אויך צו די יידישע מאַסן, דורך די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואו די געסט־לעקטאָרס טרעטן אויף. אַזוי האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו האָבן דאָ חיים גראַדע, ד"ר שמואל מאַרגאָשעס, מרדכי שטריגלער, און אַנדערע.

דער שטאָט־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט די צווייגן, האָבן ספּעציעלע קאָמיטעטן וואָס פירן דורך אַלע אַקציעס לטובת מדינת ישראל און לטובת נאַציאָנאַלע יידישע אינסטיטוציעס. דער פאַרבאַנד האָט אַקטיוו דורכגעפירט די אַקציעס פאַר דעם „בית שלום עליכם" אין תל אביב, וואָס וועט זיין אַ היים פאַר יידישע שרייבער, און האָבן דורכגעפירט אַקציעס לטובת צו בויען קולטור און יוגנט אינסטיטוציעס אין מדינת ישראל, ספּעציעל אין די ניי אַנטוויקלטע שטעט פון ניי אַריינגעקומענע עולים. איצט ווערט אָנגעפירט אַן אַקציע פאַר „קרית סיגאל", אויפצובויען אַ שטאָט אין אָנדענק צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם פירער און פיליעריקער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, לואיס סיגאַל.

עס איז ווערט צו באַמערקן די איבערגעגעבענע אַרבעט פון פאַרבאַנד לטובת דער פּועלי ציון יוגנטלעכער באַוועגונג, ווי אויך דעם „הבונים" קעמפּ אין לאָס אַנדזשעלעס.

דוד גאָלדמאַן *)

# יום-טוב און וואָך ביים אַרבעטער רינג

דער יום-טוב: 65 יאָר עקזיסטענץ פון גרויסן יידישן אַרבעטער און פאָלקס-אָרדן איבערן לאַנד, און 60 יאָר ביי אונדז, אין לאָס אַנגעלעס.

פייערט מען איצט וואָס אידעאַליסטישע מענטשן האָבן מיט גרויס געטריי-שאַפט געבויט יידיש קולטור געזעלשאַפטלעך לעבן אין אַמעריקע.

וואו-זשע האַלטן מיר איצט, אַרבעטער רינג אין לאָס אַנגעלעס?

מיר זיינען אַ משפּחה פון 25 הונדערט מיטגלידער, איינגעטיילט אין 18 בראַנטשעס; דריי מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 600, הי-געבוירענע, ענגליש-רייידנדיקע.

אונדזער אייגנס איז: אַ פּראַקטיקער „צענטער", אין וועלכן עס געפינען זיך אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס, וואו די בראַנטשעס פירן-אָן מיט זייערע פאַר-זאַמלונגען, זייערע קולטור-אונטן און יום-טובים. דער אַרבעטער רינג צענטער איז די קולטור-געזעלשאַפטלעכע היים פאַר אַלע פּריינטלעכע יידישע אָרגאַניזאַ-ציעס און ווערט באַטראַכט ווי אַ בייטראָג צו אונזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אינעם צענטער געפינט זיך די אַרבעטער רינג שול און, הגם קיין טויזנטער קינדער זיינען דאָרט ניט פאַראַן, איז אָבער די דערציאונג פון אַזאַ פאָרנעם, וואָס יעדער איינער אַפּלאָדירט ביים קומען צו די שול-פייערונגען. די קינדער פירן דורך, אין יידיש, סצענעס פון יידיש לעבן און רעציטירן פון יידישער ליטע-ראַטור. הייניטיקס יאָר האָט דער אַרבעטער רינג געעפנט אַ צווייטע שול אין דער „וואַלי" געגנט. די דאָזיקע שול איז געגרינדעט געוואָרן אויפן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון אַ צאָל יונגע מיטגלידער פון אַ הייניטוועלטיקער סביבה.

דער דיסטריקט קאָמיטעט פירט דורך די גרעסערע יום-טוב פייערונגען פאַר דער גאַנצער אַרבעטער רינג משפּחה, וואו עס קומען זיך צענויף הונדערטער יידישע פאַמיליעס; איינע פון אָט-די פייערונגען איז דער דריטער סדר, וואָס ווערט דורכגעפירט פון אַלע תלמידים פון דער אַ. ר. שול. דער אַרבעטער רינג טראָגט צו אַ גרויסן חלק צו אַלץ וואָס איז וווּרטפול אין יידישן לעבן. מיטגלידער פון אַרב. רינג שאַפן איבער 150 טויזנט דאָלער אַ יאָר פאַר אַלערליי הילפס-צוועקן ביי דער יידישער קהילה פאַר נאַציאָנאַלע באַדערפעניש אין יידישן לעבן. אַ חוץ פאַר אַזעלכע התחייבותן, האָט דער אַרב. רינג געשאַפן איבער $15,000 פאַר דער היים פאַר עלטערע מענטשן; הייניטיקס יאָר וועט דער אַ. ר. — אין צוגאָב צו דעם — שאַפן נאָך 25 טויזנט דאָלער. די היים איז פאַרן באַנוץ פאַר אַרבעטער רינג מיטגלידער.

דער „גאָלדן רינג קלוב" ביים אַרב. רינג פירט אָן אַקטיוויטעטן אין וועלכע די מיטגלידער לעבן זיך אויס אויף אַ משפּחהדיקן אופן, ווי אויך אינעם גייסט פון די אידעאַלן פאַר וועלכע מען האָט געפירט קאַמפן אין די יונגע יאָרן.

עס איז אַ הייליקער שטרעבן ביי די מיטגלידער, אַז דער אַרבעטער רינג זאָל אויך ווייטער אָנהאַלטן און נאָך פאַרגרעסערן זיין איינפלוס פאַר אַ יידיש נאַציאָנאַל-באַוואוסטזיניקן לעבן ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעס און אומעטום.

---

*) עקזעקוטיוו סעקרעטאַר ביים אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע.

# באַגריסונגען

בקיצור ווינטשן מיר אייך מזל און הצלחה, טייערע „טראַיקע": אליהו טענענהאָלץ, מלכה חפץ טוזמאַן און ה. לאַנג, וואָס איר זענט געוואָרן און זענט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „חשבון".

מיט די פריינדלעכסטע גרוסן,

אייערע:

**פייגעלע און יוסף פאַניץ**

צו אָפט פלעגט ווערן שווער אויפן האַרצן, צו אָפט פלעגט אַן אומעט דריקן, ווען מען פלעגט פּרוּוון אַ חשבון מאַכן פון אונדזער גייסטיק לעבן דאָ, אין דער גרויסער שטאָט לאָס אַנגעלעס, מיטן האַלבן מיליאָן יידן — כן ירבו! — נישט קיין יידיש טעאַטער, נישט קיין יידיש ווירדיקע שריפט, נישט קיין פּראָדוקטיווע יידישע קולטור־טעטיקייט.

איז טאַקע דערימעך די שמחה ביי אונדז גרויס איצט, ווען די דריי פּאַראַנטוואָרטלעכע, טאַלאַנטירטע פּערזענלעכקייטן אונדזערע, ווי: אליהו טענענהאָלץ, וועלכער איז חוץ שוישפּילער און רעזשיסאָר, אויך אַ באַגאַבטער סאַטיריקער־שרייבער; הערי לאַנג, וועטעראַן בעלעטריסט, לעקטאָר און מבין אויפן יידישן וואָרט; מלכה חפץ טוזמאַן, די לירישע דיכטערין, צו וועלכער איר קריגט צוטרוי שוין ביי די ערשטע ווערטער פון אירס אַ ליד, אַז זי איז, חוץ טאַלאַנטירט, אויך פול מיט דרך־ארץ צום וואָרט און צום לייענער; אַז אָט די דריי האָבן אויף זיך גענומען די שווערע אַרבעט צו מאַכן אַזאַ „חשבון", וואָס זאָל ברענגען גייסטיקן געווינס און כבוד צום היגן יידישן ישוב.

באַגריסן מיר האַרציק דעם פּרוּוו, ווינטשן דערפאָלג און מיט האָפן, אַז מיר וועלן אַלע מיטהעלפן!

מיט דרך־ארץ,

**דאָרא און מרדכי מייזל**

ליבער טענענהאָלץ:

אונדזער האַרציקע באַגריסונג צו אייך און צו אייערע זייער חשובע צוויי קאָלעגן: ה. לאַנג און מלכה טוזמאַן, וואָס אינאיינעם זענט איר די נייע רעדאַקציע פון אַ נייעם „ח ש ב ו ן".

מ ז ל ט ו ב !

אייערע:

**סאָניאַ און ישעיה בראַון**